# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

446־49 37׳סטער יארגאנג מאי־יולי 1976 לאנדאן

אינהאלט :

דאס ירושה קניפל ..... *** 3
שלום־עליכם (צום זעכציקסטן יארצייט) ..... ש. י. גאלדשמידט 13
נעט רובין 100 יאר יידישע טעאטער ..... 15
צום יארטאג פון געטא אויפשטאנד ..... מאיר באגדאנסקי 19
ווען יצחק באשעוויס־זינגער איז געווען א מאדעל פאר א מאלערין
..... יוסף וו. פ. סטאפעלמאן 22
א בילד פון יצחק באשעוויס־זינגער ..... קלארא קלינגהאפער 24
מייך ערשטער האנאראר אין ווייטשעפל, אין מיינע ד׳ אמות
..... א. נ. שטענצל 26
יצחק פערלאוו — דער נס־מענטש ..... סעם גאלדבערג 44
צו ישראל (ליד) ..... אברהם זאק 50
דאס „מעשה בוך פון מיין לעבן" ..... מלך ראוויטש 50
א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס. אקמצא ובר קמצא חרוב ירושלים ..... 53
מיין וויבל (ליד) ..... אייזיק גאלדבערג 54
א באגריסונג פאר אייזיק גאלדבערג ..... נ. מ. סידא 55
אייזיק גאלדבערגס יובל (באריכט) ..... דוד בערמאן 55
וויקטאריא־פארק אלט לאנדאנער פאלקסליד ..... 57
חג מתן תורה ..... יוסף בן שמעון 58
שאכער מאכער (ליד) ..... ראדזשער האריס 60
צו אייזיק גאלדבערגס געבורטסטאג ..... עלא זילבערג 61
ריינע די מעלה הייבט זיך אן (ליד) ..... דערעק ריד 61
באגריסונג צו דער קאנפערענץ אין ירושלים ..... 63
לאנדאנער קולטור ידיעות ..... 64

רעדאגירט א. נ. שטענצל
פרייז 15 פענס
יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראָיו, א.1.

Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.

קין־הבל־קנאה־שנאה,
דור־דורות שוין אין בלוטיקן גאנג,
בלויז ווילאנג נאך ז׳וועט דויערן?
באדייערן נאך, נישט אין געזאנג.

## א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס

לכבוד פסח, ווען מ׳דערמאנט זיך אין משה׳ס שטעקן וואס אט איז ער געוואָרן א צישנדיקע שלאנג און אט גאר געשפאלטן דעם ים און וואסער פון א שטיין געצויגן, טא וואס קאן מען שוין א סך ברייען מיט א שטעקעלע אריין א שטעקעלע „ארויס"? אז אפילו דעם כ׳ח פונם רבינס שטעקן האט עס נישט, צומאל נישט דעם שמש׳ס וואס שמייסט מיט אים די מלקות ערב־יום־כיפור דעם גביר פון שטאט אויף דער שוועל פון דער שול.

ווילן מיר לכבוד חג־הפסח מיט קורח־גראם: „איראניע מיט אראפגע־לאזטער נאָניע"־גראם — „כך עשה הלל שהיה כורך מצה ומרור ש.

## לאנדאנער קולטור ידיעות

דער באקאנטער זינגער און אקטיאר סעם גאלדבערג פארט אפ די טעג אויף א טור קיין אמעריקע. ביי די שבת־נאכמיטאגס איז געפראוועט געווארן א צאתכם־לשלום־פייערונג לכבוד דעם ארטיסט.

די שרייבערין אסתר און איר מאן אברהם ערלעכמאן האבן מיטגעמאכט אפעראציעס. מיר ווינטשן זיי געזונטע און לאנגע יארן און א גוטער זקנה.

דער לאנדאנער אקטיאר פיזניע גאלדשטיין איז געשטארבן אין באנעסאיירעס; זיין פא־טער יעקב גאלדשטיין האט נאך געשפילט מיט אברהם גאלדפאדן.

אין ישראל־בוך פארלאג, תל־אביב איז ארויס א בוך פון דעם באקאנטן שרייבער און ליטעראטור־פארשער דר. יעקב י. מייט־ליס, אונטער דעם טיטל „אין גאנג פון דורות". עס איז אן אפקלייב פון עסייען וועגן תנ״ך,פ אלקלאר און ליטעראטור און געהאט ביז איצט גאר א ווארעמען אפרוף אין דער יידישער פרעסע, סיי אין ישראל און סיי אין די אמעריקאנישע לענדער.

די גוט־באקאנטע אקטריסע מרים בלו־מענזאן געפינט זיך אין לאנדאן האספיטאל אויף אן אפעראציע. מיר ווינטשן איר א רפואה שלימה.

ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכ־מיטאגס איז געפייערט געווארן 100 יאר יידיש־טעאטער. נאכן רעפעראט מכוח יידישן טעאטער, האבן אויפגעטרעטן די אקטיארן הערי אריעל, לעאן בלומענזאן, בערנארד מענדעלאוויטש און סעדי סקאפ. א ספע־ציעלער פראגראם איז אויפגעפירט געווארן דורכן אנפירער פונם לאנדאנער יידישן טע־אטער־קאלעקטיוו הערי אריעל, וועלכער איז באשטאנען פון סצענעס פון „טוביה דער מילכיקער" פון שלום עליכם, לידער פון אברהם גאלדפאדן, רעציטאציעס פון שריי־בער אומגעקומענע פון דיד ייטשע רוצחים.

גילעד לידער, דער זון פון רות און מיכאל לידער, דאס אייניקל פון בר־כוכבא נאראד (פונם נאראד־פערלאג) ווערט בר־מצוה אין תל־אביב—א הארציקן מזל־טוב און גרויס נחת! זאל עס דאך זיין א טרייסט צו דער גאנצער משפחה צום פלוצימדיקן טויט פון לילי נאראד, דיבאבע פונם בר־מצוה.

לילי נאראד ע״ה איז געווען א טאלענ־טירטע קלאוויר־שפילערין און דריגענטין און די גרינדערין פונם וויצא־פרויען־כאר און אויך די קלאוויר־שפילערין ביים קול־רינה כאר.

אונזער טרייסט צו חבר רעגן, צום פאר־לוסט פון זיין ליבע פרוי.

ש. גאלדשמידט און זיין ליבע פרוי זיינען געווארן באבע־זיידע. מיר ווינטשן זיי און זייער טאכטער און איידעם, די טאטע מאמע פון דעם פריש געבוירענעם א הארציקן מזל־טוב.

אייזיק גאלדבערג איז געווארן א בן שמונים, מ׳האט אים געפייערט ביי די שבת נאכמיטאגס.

## לאנדאנער קולטור - ידיעות

שלום־עליכמס זעכציקסטע יארצייט ביים יידישן זשורנאליסטן־פאריין און יידישן וועלט־קאנגרעס. עס האבן גערעדט: י. פרענקל, ש. י. גאלדשמידט, דאקטאר מ. גערטנער. געלייענט שלומעליכמען פאמאלא מאנסאן, ראביי באום. פארזיצער: לארד פישער.

ביי א יידיש־ליטעראריש‍ן שבת־נאכמיטאג האט י. ח. קלינגער געהאלטן א רעדע אי־בער שלום־עליכמען. געלייענט פונם נפטרס שריפטן האבן: אייזיק גאלדבערג, נעט רובין. געזונגען לידער פון שלום־עליכמען און אנ־דערע האבן מאיר באגדאנסקי און פרוי רות באכנער.

דוד קאץ, וואס איז געקומען פון אמע־ריקע שטודירן דא אויף דער לאנדאנער אוניווערזיטעט, האט גערעדט ביי די לי־טעראריש‍ע שבת־נאכמיטאגס איבערן יידישן לעבן איצט אין אמעריקע.

ביי די יידיש־ליטעראריש‍ע שבת־נאכ־מיטאגס איז שבת, דעם 18׳טן יולי לכבוד די יארצייטן פון דר. הערצל און חיים נחמן ביאליק גערעדט געווארן איבער זייער שאפן.

שבת, דעם 10טן יולי, צו דער ניינצנ־טער יארצייט נאך שלום אש האבן זיך באטייליקט מיט רעדן איבערן נפטר י. א. ליסקי און מאיר באגדאנסקי.

בעריש יארא, א געזעלשאפטלעכער טוער אין ווייטשעפל, איז פארגאנגענעם חודש געשטארבן.

לוי גערטנער, אנפירער פון העברעאישער שולן און אוונט־קורסן אין ענגלאנד איז געשטארבן אויף זיין נסיעה קיין ישראל, אונזער טיפן מיטלייד צו זיין משפחה.

י. ח. קלינגער איז געווען אויף א נסיעה אין ישראל.

אין דער ווייטשעפל־ביבליאטעק איז אויפגעהאנגען געווארן א בילד פון רודאלף ראקער געמאלן פון זיין זון. עס האבן יוסף לעפטוויטש און ביל פישמאן גערעדט.

דער סעקרעטאר פונם ארבעטער־רינג, ח. פרענקל, איז געשטארבן פארגאנגענעם חודש.

לזכרון דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא האט דעם „מלא רחמים“ געמאכט דער אקטיאר לעאן בלומענזאן און אויך געזאגט קדיש. מאיר באגדאנסקי האט גע־האלטן א רעדע און נעט רובין און אייזיק גאלדבערג האבן רעציטירט „חורבן“־דיכטונג. געטא לידער האט געזונגען שלמה דזשי־קאווסקי.

צו דער יום־העצמאות־פייערונג ביי די ליטעראריש‍ע שבת־נאכמיטאגס האט י. א. ליסקי געהאלטן א רעדע. אייזיק גאלדבערג האט פארגעטראגן רעציטאציעס, אויך אזוי נעט רובין און מאדאם דזשעקסאן. פרוי רות באכנער און מאיר באגדאנסקי האבן געזונגען לידער.

אויף זיין באזוך אין לאנדאן האט די קעניגין אויפגענומען דעם פרעזידענט פון מדינת־ישראל. שבת אין דער פרי האט ער געדאוונט אין דער מארבל־ארטש סינא־גאגע.

־ מיר ווינטשן די עלטערן פון דוד, זון פון פרוי רות און טשארלס שניידער, וואס איז געווארן בר־מצווה, צו דערלעבן פיל נחת פון זייער קינד. פרוי רות שניידער איז די טאכטער פון דעם שרייבער און דראמא־טורג אביש מייזלס און זיין פרוי א באקאנטע און באליבטע אקטריסע פון יידישן טעאטער אין לאנדאן.

אן אייניקל פונם ראביי רעוו גייער, פון דער פילדגייט־שול איז אויך געווארן בר־מצווה. מיר ווינטשן באבע־זיידע און אויך די עלטערן פונם בר־מצווה צו דערלעבן אסך נחת פון זייער זון און אייניקל.

אויף זיין באזוך אין ישראל איז אונזער פריינט פרץ רייכמאן נפטר געווארן. אונזער טיפן מיטלייד מיט זיין זון הארי, טאכטער פרידל, זיין פרוי רויזל.

דר ש. לעווענבערג האט געהאלטן א פארטראג אין קאנגרעס־הויז איבער דער „וועלט־קאנפערענץ אין ישראל פאר יידיש“. דער אוונט איז איינגעארדנט געווארן פונם זשורנאליסטן־פאריין און יידישן וועלט־קאנגרעס. דעם פארזיץ האט געפירט יוסף פרענקל.

דער טשיף־ראביי, הרב עמנואל יאקובא־וויץ, שליט״א, האט אפגעשטאט א וויזיט אין דער רעדאקציע פון „סאוויעטיש היימ־לאנד“ בעת זיין באזוך אין מאסקווע. אויפ־גענומען אים האט דער הויפט־רעדאקטאר אהרן ווערגעליס.

דריי שבתים, דעם 31סטן יולי, דעם 7טן און 14טן אויגוסט, איז ביי אונז פעריען. דעם 21סטן אויגוסט הויבן מיר אן א נייעם זמן. דער שבת וועט זיין געווידמעט די יידיש־קאנפערענץ אין ירושלים.

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

לאנדאן    1976 מאי־יולי    37׳סטער יארגאנג    49־446


## דאס ירושה - קניפל

זיי שטייען ארום בעט ווי די דעמבעס
און קענען זיך גארנישט דערווארטן:
אזוי לאנג א גסיסה זאל דויערן!
און גאפן אויף גוף אויסגעדארטן.

אין דער היים די טעכטער און די שנורן
שטייען אלע שויך גרייט אין שווארצן —
א, ס׳איז נישט ווי אמאל אין דער היים,
וואו געשנייצט בעזער אין די שארצן.

אלץ שוין צוגעגרייט, פון שענסטן־בעסטן,
דער ראביי מיט הספד מיט גרויסן,
דער חזן מיט זיין „מלא“ זיין זיסן,
נאר זי — אן אייביקייט איר גוססן.

שטייען זיי די זין ממש אויף קוילן,
יעדער האט אייליק וואו צו לויפן,
דא שטיי ווי צוגעווארצלט, און דרויסן —
א וועלט מיט קויפן און פארקויפן!

זיי שטייען ווי די הילצערנע דעמבעס
און אונטער קישן ליגט דאס קניפל,
נאר זי קאן גארנישט שטארבן הערנדיק
פון טיר דאס זיסע טרערן־כלפל.

ווי יענע זיבן שנירלעך, וואס דער מאן
אויף קנס־מאל דעמלט, איר געגעבן — —
א, אלע צרות כדאי געוועזן,
די רגע דא איצט צו דערלעבן.

ווי זיס, א רפואה פארן הארצן,
פון גוטע מלאכים געזאנגען — — —
ער איז עס, ער איז עס, יא, ער איז עס,
ער קומט איר אקייגן געגאנגען.

יא, ווי יענע שנירלעך פערל אצינד
יעדע טרער געלעכערט מוז ווערן;
פאר אייניקל־קינד די עכטע פערל,
זיבן שנירלעך געסילעטע טרערן.

דאס כליפן פון איר אייניקל־קינד! יעדע
רגע אן אייביקייט צו הערן — — —
טאקע אמת א גן־עדן פאראן,
ווי ליכטיק ס׳ווערן אירע טרערן —

דאס קניפל, טאקע הינטן אויפן האלז!
ווי זי שפירט עס, פונקט אויפן גניק —
צי קאן דען זיין אין גאנצן לעבן
א מזלדיקערס, א גרעסער גליק?

## „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני״

אויב מיט מוציא־מעסער, מיט עופות־חלף,
מען נעמט שוין טרייבן יידיש־פאליטיק . . .
ס׳וועט נישט לאנג נעמען און פרישע זעקס מיליאן
אויף כשר־געשחטן זיין: כיק, כיק, כיק.

די אנדערע שוין נישט זיין קיין קדושים!
מייז אנטלאפענע פון געזונקענער שיף,
מאשקע־חזירלעך אין פינסטערע לעכער,
מיט אייגעלעך שיקלדיק, קרום און שיף.

און גלאט אזוי ממזרימלעך: חזירימלעך
צו געבן מיט יידישע בערד א שטיף . .

צי דעמלט נאך עברית צומאל אין ישראל?
נאך גלעטן מיט ליבשאפט די כותל־וואנט?
און צי וועלן נאך דעמלט נייע עולים
מיט געזאנג ארויפגיין אין הייליקן לאנד?



אויב מיר פארגעסן אונזער מאמע־לשון,
אויף זיך אליין מיר הייבן אויף די האנט.

## ירושלים

ווי שיין דו ביסט, ירושלים,
פאר לויטער קנאה מ׳האט דיך צעשטערט,
און נישט־דאס געמלעכע אויף אצינדערט —
דאס נישט פארגינען נישט אויפהערט.

ווי ליכטיק עס ווערט אין די אויגן,
אן איינציק בליק בלויז אויף דיר מ׳טוט;
גאט, ווי גוט עס טוט אין הארצן טיף,
אויף דיין פנים שטעט די שכינה רוט.

ווי וואונדערלעך הייליק דו זעסט אויס,
מאמע איר קינד אונטער הארצן טראגט,
אזוי דער ייד אין דיין ליכטיקייט
ס׳ווארט ירושלים נאר ער זאגט.

נאך אזויפיל בענקעניש נאך דיר,
אז דו געהערסט אונז ווידער אצינד — —
פון לויטער קנאה אוועקרייסן
מען וויל דיך — א מאמע פון איר קינד.

## חצות — וואריאציעס —

א

איך האב נאך געזען מיין טאטן
אויף שוועל פון טיר אפריכטן חצות;
צעווייקט פון זידיקע טרערן,
פון „שערי־ציון״ יעדעס אות.

פארוואס זיך אנידערגעזעצט
דוקא און דירעקט ביי דער טיר?
אז דערהערן דעם קול־שופר
זאל ער שוין שטיין גרייט ביי איר.

גיך אויספראלן ער וועט זי און
מיט אלע יידן צוזאם זיין;
מיט משיח בן־דויד פארויס

און נאך ירושלים גיין.

און ווען מאמע פאר ליכט־בענטשן
א גראשן געלייגט אין „בעל־נס״,
איז איר אויג פול געווען: „**א** גאט,
ירושלים נישט פארגעס!״

אין דעם זכות, מסתם, זייער קינד
אצינד צווישן יידן א ייד,
און שרייבט נאך צומאל אפילו
אינם מאמע־לשון א ליד.

ב

ס׳האט דער טאטע די שיך זיך אויסגעטון,
נאך האלבער נאכט נישט צו לייגן זיך שלאפן;
אבלדיק וויינען, יתומדיק קלאגן,
חורבן דורותדיק געטראפן, פארלאפן.

זיין געוויין: „עשרה הרוגי מלכות!״
ד עם שווארצן הימל ס׳האט קריעה געריסן —
אויפגעריסן מיך אינמיטן זיסן שלאף,
אין חושך־שרעק די ליפן מיר געביסן —

מיט א יאמער־געשריי נישט אויסצוכליפן,
זיין חצות־אפריכטן אים נישט צו שטערן,
אין דער מוראדיקער שטילקייט פון מיין הארץ
מיך צוגעהערט ווי ס׳קאפן זיינע טרערן.

יעטוועדן אינדערפרי אצינד איך וואך אויף,
כ׳שעם מיך אין מיין פרצוף אריינצוקוקן;
פאר מיין בליק א גרעסערער חורבן געשען,
און ער אן איין טרער — א וויסטעניש טרוקן.

א מדבר איז אונזער לעבן געווארן,
א גאט, וואוהין וועט אזוינס דערפירן?
צי איז דען נאך כדאי, צי איז נאך דא כוח?
ווערט נאך אויף אזא ערד צו עקזיסטירן?

## דער רבי אלימלך און דער רבי ר׳ זישע

אז דער רבי אלימלך מיטן רבין ר׳ זישע



געגאנגען זיינען בײדע גלות־ליידן,
גאנצן, לאנגן וועג נישט געטון טון אויפהערן
איינער מיטן צווייטן הארציק, ברידערלעך צו ריידן.

מיד ווערנדיק, יעדער א פארמאטערטער פאר זיך,
גענומען פארציען א שטילינק־זיסן ניגון,
האבן זיי געטון זען, אז זייער גלות־וועג
א תענוג גאר זיין, א געטלעך־גרויס פארגעניגן.

זיינען זיי צווישן צוויי געוואלטיקע וואלד־וועגן
טרויעריק, מרה־שחורהדיק שטיין־געבליבן,
און יעטוועדער זיין יחידות־וועג, מיט גרויס ביטערניש —
מיט בענקשאפט איינער צום צווייטן אויסגעקליבן.

זייער הייליקער צער דעמלט ביזגעלע עק וועלט — —
זייערע הערצער וואלטן פון בענקעניש אויסגעגאנגען!
דאס פייגל־גע פלאטער איבער זייערע קעפ
מיט יעטוועדן אויף וייטן וועג מיטגעגאנגען.

אזא שטילע לוויה האט זיך געצויגן —
ס׳געווייען מיט כל־הכוחות איינגעהאלטן!
די ביימער שטיל שאקלענדיק, גייען מיט זיי מיט,
ס׳געוויין ערשט מיט כל־הכוחות איינגעהאלטן!

ווי מרה־שחורהדיק געווארן נ׳פינסטערן וואלד,
קיין בלאט פאר מורא נישט געטון זיך באוועגן,
נאר דאס פישטשען פון א טרויעריק פייגעלע
שכינה באגלייט זיי אויף די ווייאיקע וועגן.

דעמלט האבן זיי, יעדער לויט זיין השגה און מדריגה,
דעם משיח־צער פון „קן־צפור״ פארשטאנען — — —
„מלך ברודער״! „זישע ברודער״! נישט זינגענדיק מער,
וויינענדיק יעדער אין זיין טיפעניש געגאנגען —

פון דעמלט אן די קוואלן צווישן די צוויי וועלדער
ביז היינט־צו־טאג זידיק צו פליסן נישט אויפהערן —
דאס איז פון די צוויי ברידער, ביים שיידן זיך,
זייערע זידיק־פארגאסענע, הייסע טרערן.

## במקום מיין טאטנס הייליקער ברכה

טאטע אלע יאר געמאכט א ברכה,
געזען ערשטן בוים וואס האט געבליט,
און איך, כאטש נישט מיטן שם המלכות,
מוז שרייבן א מאמע־לשון ליד.

מיין טאטנס כוונות און יחידים,
ניין, איך קען נישט מער מייחד זיין,
אבער ווי ער פאר געטלעכן וואונדער
מיין הארץ איפציטערדיק בלייבט שטיין.

אז ווער קאן שוין משיג זיין און פארשטיין,
פון דער שטאק־פינסטערער ערד ארויס
אזא ליכטיקייט זאל זיך באווייזן,
גאט, אויב דיינע וואונדער אזוי גרויס,

אין חשכות פון די מענטשלעכע קעפ
א ליכטיקייט גרויס זאל דאך אויפגיין —
א מיק ליבשאפט פון מענטש צו מענטשן,
אז איינער דעם צווייטן זאל פארשטיין.

אדער צי מוזן ערשט אונזערע קעפ
צעשאסן, פארפוילט און טיף אין דר׳ערד
ביז דעם מענטשנס פינסטערע געהירן
אין א ליכטיקייט פארוואנדלט ווערט?

גאטס וואונדער און ערשט זיין באטירלעכקייט,
ווער קאן משיג זיין, ווער קאן פארשטיין —
במקום מיין טאטנס הייליקער ברכה
מיט מיין יידיש ליד כאטש יוצא זיין.

## „הפוך בה הפוך בה דכולה בה"

זיינען מיר דאך שוין ככל הגוים,
טא וואס־זשע ווילן מיר איצטער נאך ?
געשטארבן דאס לעצטע גלות־יידל,
און מיטן אטאם־באמבעלע א פאך !



וואס־זשע שוין אצינד א ביקס צי א שווערד,
און מיט פיקע קונציק־פלינק א שטאך ?
אז כל־המינים גיפט־גאזן שוין איצט
א קינדער־שפיל — מיט נאגל־און־פראך !

„הפוך בה הפוך בה דכולה בה"
די אטאם־באמב און — א גוטע וואך ! !
און אז ס׳גאנצע ערדעלע פארשווינדט,
וועט דעמלט זיין אין הימל א לאך ?

„אך הפעם"! „תמות נפשי עם פלישתים"! !
און אויס איז עס מיט יאך און מיט בראך — — — —
באמת, אין טאטנס טאבאק־פושקעלע
געלעגן ס׳איז א טיפערער תוך.

א פאלק וואס געטראגן צוויי טויזנט יאר,
דעם בלוטיק־ביטערסטן גלות־יאך,
און לעבן געבליבן — — דעם גאולה־וועג,
אויסגעפונען פארן מענטש מוז דאך.

„הפוך בה הפוך בה דכולה בה"
דער תורה־תוך דא־א איז ער דאך :
אז כל הגויים אין גרויסע ליבשאפט,
תחת כנפי השכינה געפאך.

## דאס נס פון דער נאכט אין ו׳ תמוז

„אז רב נסים הפלאת בלילה"

פון דער בלויזער הווא־אמינא בלויז
ישראל אויף אוגאנדא צו פארטוישן —
האט שוין אזא אידי אמין פארשוין —
א מין רשע־מרושע־משוגעת !—
דעם רשות צו פלוישן און צו רוישן.

ס׳נעמלעכע ווי גערן האט נישט יעדער
יידלאק־ייד א דייטשל געוואלט ווערן !
און וויפל לעבנס האט עס געקאסט,
וויפל יסורים, וויפל עינוים,
וויפל טייכן בלוט און ימים טרערן.

די בלאנדע פעסט וויפל קדושים געקאסט!
וויפל ערשט די שווארצע געמוזט קאסטן!!
ווען נישט דאס געוויין דעמלט אין באזל —
א בכיה־לדורות ווידער געווארן!—
ווען אזא אויף אונז זיך ערשט פארמאסטן.

נאך דער ירושה, וואס היטלער געלאזט,
און די יורשים וואס איבער געבליבן
אמין ריכטיקער אייראפע־יורש —
און ס'קולטיווירטע אפריקע טאקע
פארן ראש וראשון אים אויסגעקליבן

„כל המיצר לישראל נעשה ראש!
ר'וועט שוין מיטן קאפ אין דער ערד קריכן — —
דאס וואונדער וואס אצינד עס איז געשען,
צי איז עס נישט אן „אצבע אלוקים",
אז מיר גייען אקייגן משיחן?

א, ווער פון די יוצאי־אוישוויץ געהערט
דעם צעהילכטן „אני מאמין"־ניגון,
ס'טרערן־זידיק־זיגערישע זינגען!
האט דאך ממש געזען ווי גאטס גוטסקייט
איבער דער רשעות פון מענטש טוט זיגן.

## י ז כ ו ר

א

(מיין באזוך אין אשוויץ)

יענעם טאג ביים ארייננגיין,
אינם קרעמאטאריע־טויער,
די וועלט פינסטער געוועזן,
ווי נאך פארן „יהי־אור"—
אין מוח עקבער־געבוייער:

ס'קאן זיין, ביין צו ביין זיך העפט,
און מענטשן צוריק ווערן,
אבער פון א קופע אש?
איך שטיי און מיינע טרערן,
צו רינען נישט אויפהערן.



פון קוימען־רויך, פון נקמה,
מיינע אויגן בלינד זיינען:
קאן מען לעשן אזא פלאם?
וויפיל מען זאל נישט וויינען — —
א קוואל מ'ווערט אין פארשטיינען.

ב

ווען צוריק ארויס פון אשוויץ־טויער,
בייך, קיין חזיון כ'האב נישט געזען,
אבער אן אין־סוף־סטראף פאר די אויגן
ממש אויפגעשריבן ר'איז געווען:

אז וואס זיינען אלע שבעה ימים?
אונזער פארגאסן בלוט טיפסטער ים!
זע צעשטויבטע איבער דער גארער ערד,
האט יידיש אונז געהאלטן צוזאם.

ש ד י י!; איז נישט ס'ווארט יידיש,
כולל ביידע אין איין איינציק ווארט?
קוימען־רויך, ביינער צעמאלטע אויף שטויב — —
גאטס־קדושים פאלק לעבן ווער פארט.

א צי באטרעפט נישט דאס ווארט גאט,
פונקט אזויפיל וויפיל ס'ווארט אחד?
א שפיל אזא, א גמטריא?
ווייל דעם פאלק וואס שפילט זיך נאך מיט גאט.

## „אלישע בן-אבויה אומר" — פרקי אבות —

א ייד און רייט אין שבת־קודש אויף א פערד,
און ארייננגענומען אים אין פרקי־אבות?
א, דאס איז שוין לגמרי נישט קיין קאטאוועס.

דאס, מסתם, ווייל זיין תלמיד ר' מאירן,
ווען ער אים באגלייט געטון אים דערמאנען,
ס'איז שוין צוויי תחום־שבת — טארסט ווייטער נישט שפאנען!

פארשטאנען האט אחר, ער האט דאך אים געקענט,
א שרץ כאטש מטהר זיין מיט טויזנט טעמים — —

וועט ער מיך אין חילול־שבת גיין דערמאנען?

מאירקע מיין זון, לויכט איף קלוג זיין קלארער בליק,
אלע ארבע־מיתות איף זיך גיכער נעמען,
מיך, חלילה, זיין רבין ברבים פארשעמען?

מידה כנגד מידה — א יידישע מידה!
אז וואס כ׳זאל נישט זיין, כ׳בין דאך דער רבי זיינער.
איך? ער? גערעכט פון אונז ביידן, מסתם קיינער — —

די מדות בלויז, ווען איינער פון צווייטן כאטש לערנען!
ערשט דער פרק־אבות וואס איז ער דען אויסן?
וועט אחרן חלילה, לאזן פון דרויסן?

## צו שלום-עליכמס זעכציקסטער יארצייט

דאס ווידערשפענסטיקע פאלק,
די תורה איף דער וועלט געברענגט;
טרויעריקסטע אומה־ולשון
געלעכטער דער ערד געשענקט.

א מין לאכן נישט משיג צו זיין,
זייטן זיך צו האלטן פון געוויין.

ס׳פאלק אין גלות געגאנגען,
אויסגעשטאנען גרעסטע לייד;
קוים עס קענען צו פארשטיין,
זיין חכמה ס׳טיפסטע דערגייט.

ג-אטס מעשים אז ווער קאן זיי פארשטיין,
און וועלכער מענטש ג-אטס דרכים דערגיין?

דערצו אונז אויסגעקליבן,
אזוי מ׳זאגט, אזוי עס הייסט — —
זיינען יידן צופרידן
דערמיט? איין ג-אט אליין עס ווייסט.

שעיר־לעזאזל זיין אליין
און עס נאך מיט קאפ אליין פארשטיין?



איינס זיכער, ווען נישט ס׳לאכן,
נישט אויסהאלטן געקענט מער!
לאכט מען דען נישט און פון אויג
פליסט איבער באק הייסע טרער?

מען מוז שוין א באַרישע ציג זיין,
לעזאזל מעקעדיק דערגיין.

נו, דערגייט מען טאקע נישט!
נאר פול מיט חכמה מען ווערט —
אלצדינג זי דערגייט, שווערסטע,
בלויז צו אייגן שטיקל ערד — — —

לאכט זי, וויינט זי אין דער פויסט אריין?
ג-אט אליין ער וועט עס נישט דערגיין.

דאס ווידערשפעניקסטע פאלק
די תורה איף דער ערד געברענגט:
טרויעריקסטע אומה־ולשון
געלעכטער דער ערד געשענקט.

א מין לאכן נישט משיג צו זיין,
זייטן זיך צו האלטן פון געוויין.

ש. י. גאלדשמידט

## שלום-עליכם

### צום זעכציקסטן יארצייט

שלום־עליכם איז געשטארבן אין ניו יארק דעם 13־טן מאי, 1916. הונדערט טויזנט מלווים, יידן און ניט־יידן, האבן אים באגלייט צו זיין אייביקער רו. דאס איז געווען די גרעסטע לוויה, וואס ניו יארק האט ווען־עס־איז געזען. עד היום איז עס געבליבן א רעקארד אין דער געשיכטע פון דער שטאט.

איף דער מצבה איז פאראן אן אויפשריפט, וואס שלום־עליכם האט איבערגעלאזן, צוזאמען מיט זיין צוואה. איך גיב אייך דא דעם מיטלסטן פון די דריי פערזן:

דאס גאנצע לעבן אויסגעלאכט,
געשלאגן מיט דער וועלט כפרות,
די גאנצע וועלט האט גוט געמאכט
און ער — אוי, וועה — געווען איף צרות.

אין זיין צוואה האט אונז שלום־עליכם פארזאגט, אז מען זאל אים ניט באקלאגן און נאך אים ניט טרויערן. מען זאל זיך פארזאמלען אויף זיין יארצייט און לייענען עפעס פון זיינע כתבים.

עס איז ניט קיין חידוש צו זאגן אז שלום־עליכם איז איינער פון אונזערע דריי קלאסיקער פון דער גאלדענער תקופה אין אונזער ליטעראטור אין נייצענטן און צוואנציקסטן יארהונדערט. די אנדערע צוויי זענען מענדעלע מוכר־ספרים און יצחק לייבוש פרץ. שלום־עליכם איז דער איינציקער געלייטערטער הומאריסט צווישן די דריי: מענדעלע איז א סאטיריקער און פרץ א פאלק־דערציילער, כאטש ביידע האבן געהאט הומאר בשפע.

הומאריסטן זיינען א זעלטענע דערשיינונג אין דער ליטעראטור, סיי ביי אונז און סיי ביי די אומות העולם. גרויסע הומאריסטן ווערן געבוירן נאר איינמאל אין א טויזנט יאר. אין דער גאנצער וועלט־ליטעראטור, פון ספר בראשית און ביז צום היינטיקן טאג, וועט איר ניט געפינען מער ווי צענדליק באמת גרויסע הומאריסטן שלום־עליכם איז איינער פון די דאזיקע יחידי סגולה די מוזע פון הומאר איז געשטאנען ביי זיין וויגעלע און האט אים א קוש געטאן ווען ער איז ארויס אויף דער ווייטער וועלט.

הומאר באנעמט דאס אויסטערלישע, דאס סתירותדיקע, דאס אומלאגישע, דאס איפכא־מסתברדיקע, דאס שלימזלדיקע, דאס יוצאדופנדיקע, אין מענטשנקינדער און אונטערשטרייכט עס פאר אלעמען צו זען. בכדי הומאר זאל זיין ריין פון צומישונגען, ניט פארוואסערט מיט מוסר אדער קריטיק, ניט פארזויערט מיט פראטעסטן און וויכוחים, ניט פארביטערט מיט אמפערייען און צאנקערייען, דארף ער זיין גוטמוטיק און ארויסגיין פון דער הנחה, אז מענטשן זיינען בשר ודם און האבן שוואכקייטן, און דארף מען זיי ניט דן זיין לכף חובה נייערט אננעמען אז זיי זיינען פול מיט חסרונות ווי א מילגרוים און בלייבן פונדעסטוועגן ביי זייער צלם אלוקים — אונזערע ברידער און שוועסטער. אז זיי זיינען ניט קלוג ווי מיר זיינען — איז קלאר . .

במילא איז אויך קלאר, אז גרויסע הומאריסטן זיינען פול מיט מענטשנליבע, און זיינען קיינמאל ניט בייז. זיי שאקלען נאר מיט דעם קאפ אויף אונזערע שוואכקייטן און אונזער טפשות, אונזערע קרומע וועגן און אונזער בלינדקייט, אונזערע אידיאטערייען און אונזער גאט־לעסטערונג.

דאס הייסט אבער ניט אז הומאריסטן זיינען פריי פון דאגות און מעלאנכאליע. געלעכטער און טרערן זיינען נאענטע שכנים — אין אונזער נשמה און אין אונזער פיזאנאמיע. שלום־עליכם האט געטראגן די לאסט פון די מענטשהייט אויף זיינע פלייצעס, אזוי ווי אטלאס, און געוויטיקט דעם ווייטאק פון אלע ליידנדיקע מענטשן, כאטש זיין ליטערארישע היים איז געווען דאס יידישע פאלק, אזוי ווי גאגאל׳ס איז געווען דאס רוסישע



פאלק און מארק טוויין׳ס דאס אמעריקאנער פאלק. שלום־עליכם איז אונזער בייטראג צו דעם אוצר פון דער וועלט־ליטעראטור.

די סאוועטיש־יידישע קריטיקער טענהנען כסדר אז שלום־עליכם איז א „פראלעטארישער שרייבער". אודאי איז א „פראלעטארישער שרייבער" אין דעם זין וואס זיינע סימפאטיעס זיינען מיט אלע ליידנדיקע מענטשנקינדער. ער איז געווען א גרויסער הומאניסט אין זיינע פריוואטע רעאקציעס אויך. ער האט אמאל געזען א נעגער־קינד אין ניו יארק, וואס האט אויסגעקוקט פארמארעט און פארנאכלעסיקט. האט ער זיך אפגעשטעלט און אויסגערופן: „מיר זיינען ניט די איינציקע אין גלות". . .

אבער די סאוועטישע קריטיקער פארגעסן, אז שלום־עליכם איז אויך געווען א הייסער ציוניסט און א נאציאנאלער ייד. אט וואס ער שרייבט וועגן יידן אין דער רעוואלוציע פון 1905 (אין א בריוו צו ישראל זאנגוויל):

„רעוואלוציע: הלואי וואלטן אונזערע ברידער געוואלט און געווען פייאיק צו ברענגען פאר זייער לאנד אזוינע קרבנות ווי זיי ברענגען פאר אנדערע. ס׳איז אפילו א ספק צו מען וועט זיי ארײנלאזן צו דער סעודה"...

צום 8־טן ציוניסטן קאנגרעס אין האג איז שלום־עליכם געווען א דעלעגאט פון אמעריקאנער ציוניסטן עס איז געווען נאך זיין ערשטן באזוך אין אמעריקע און זיי האבן אים געגעבן א מאנדאט. ער איז געפארן צום קאנגרעס מיט דער גאנצער משפחה און דערקלערט, אז א קאנגרעס איז ביי אים א יום־טוב און יום־טוב האט ער ליב צו פראווען מיט דער משפחה.

אין 1906 האבן שלום־עלים און מארק טווין זיך געטראפן אין א ניו יארקער טעאטער. די פיעסע איז געווען „דער פרינץ און דער קבצן". מארק טווין האט געזאגט: „איך בין דער אמעריקאנער שלום־עליכם". אויף דעם האט דער מייסטער געענטפערט: „חס וחלילה. איך בין דער יידישער מארק טוויין".

בעצם זיינען זיי ביידע געווען גערעכט.

נ ע ט  ר ו ב י ן

## הונדערט יאר יידיש טעאטער

— זכרונות און איינדרוקן —

היות יידישע שוישפילער בכל מקום שהם פייערן היינטיקס יאר די הונדערט־יעריקע עקזיסטענץ פון יידישן טעאטער, מוז אט די צייט־רעכענונג זיך אנהייבן מיט אברהם גאלדפאדנס אונטערנעמונג צו גרינדן דאס סאמע ערשטע יידישע סטאביל־פראפעסיאנעלע טעאטער אין יאסי, רומעניע. ביז דעמאלט זענען קיין פראפעסיאנעלע אקטיארן אויף יידיש נישט געווען בנמצא. איז עס טאקע געווען גאלדפאדנס אויפטו צונויפצונעמען

געוויסע אמאטארן, קופלעטן און פאלקס־זינגער, וועלכע זענען געווען מער־ווייניקער פראפעסיאנעל, ווי מאריס פינקל, אברהם פישזאן און אנדערע וואס פלעגן צו יענער צייט ארומפארן איבער שטעט פון תחום־המושב פון רוסלאנד און רומעניען, מפרנס זייענדיק זיך פון זייערע אויפטריטן, און פון אט די מענטשן געשאפן טאקע דאס ערשטע טעאטער זיינס!

אויך אונזערע לאנדאנער אקטיארן־גרופע האט זיך מיט־באטייליקט אין פייערן אט דעם טאפלטן יובל, ד.ה. די הונדערט יאר עקזיסטענץ פון יידישן טעאטער. די פייערונג גופא איז פארגעקומען ביי די „ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס" פון „פריינט פון יידיש־לשון".

יידיש טעאטער, ווי ס'איז איבעראל גוט באקאנט, האט זיך צעבליט איבער אלע יידישע ישובים אין אסך מדינות אין דער וועלט, מיט ענגלאנד בתוכם. האט דאך אפילו אהער געשטראמט א גרויסע אימיגראציע פון יידן פון פוילן, פון רוסלאנד, פון רומעניען, פון עסטרייך און פון דייטשלאנד. גאנצע און גרויסע משפחות האבן זיך דא באזעצט און איינגעארדנט אין לאנדאן, מאנטשעסטער, ליווערפול, בירמינגהעם, בארנמאוט גלאזגאו און אין קלענערע שטעט און שטעטלעך. פריער־שפעטער האבן בחורים און מיידלעך גענומען גרינדן טעאטער־אמאטארן גרופעס, און צו יענער צייט האבן זיך געפונען פארהעלטניסמעסיק ווייניק דראמאטורגן צווישן די יידישע שרייבער. האבן אט די טעאטער־אמאטארן זיך גענומען צום איבערזעצן איין־אקטערס פון ענגליש אויף יידיש!

א היסטארישער קוריאז פון דער געשיכטע פון יידן אין מלכות־ענגלאנד, וואס מען טאר אים ממש נישט פארגעסן, האט פאסירט נאך אין יאר 1817. עס האט דעמאלט דא געלעבט א יידיש־ענגלישער אקטיאר, מיטן נאמען שרענגבערג, מסתמא א ייד פון דייטשלאנד, און ער טאקע האט זיך אונטערגעשטעלט אויפצופירן „דעם קויפמאן פון ווענעדיג" — שיילאק! — אויף יידיש! פארשטייט זיך, אז אט די אויפפירונג זיינע האט געמוזט זיין מיט דער הילף פון אנדערע יונגע יידן אמאטארן. צום באדויערן זענען זייער נעמען לחלוטין נישט פארצייכנט געווארן פון קיינעם אין ערגעץ נישט.

ענלעכס איז, מסתמא, פארגעקומען ביז דער יידישער ישוב דא האט זיך צעוואקסן און עס זענען שוין אויך אהערגעקומען יידישע אקטיארן־קינסטלער ווי יעקב אדלער מיט זיין ערשטער פרוי סאפי אבערלענדער, אין יאר 1882, ישראל גראדנער און זיין פרוי, פריילין טשיזשיק, קארפ, קעמפנער. ער האט ווערבירט צו זיין טרופע א צאל אמאטארן און האלב־פראפעסיאנעלע אקטיארן ווי הערריס פיינבערג דינה פיינמאן, יעקב אדלערס צווייטע פרוי, דזשעני קייזער, די ערשטע פרוי פונם בוף־קאמיקער יוסף שערמאן און אנדערע.

אלעזר בער גאלדשטיין, ע״ה, בעקי גאלדשטיינס מאן, פלעגט מיר איבערגעבן כלערליי קוריאזן און פאקטן אין שייכות מיטן היגן יידישן טעאטער



נאך מיין אנקומען אהער אין יאר 1918, היות ער פערזענלעך איז געווען א האלב־פראפעסיאנעלער שוישפילער. צו יענער צייט האב איך מיך באקענט מיט א צאל טעאטער־אמאטארן און האלב־פראפעסיאנעלע אקטיארן, וואס צוזאמען האבן מיר געגרינדעט א מער־ווייניקער סטאבילע גרופע. איך האב אפילו פארפאסט א דראמע אין איין אקט, „דער גייסט פון א ייד", פאר אט דער דאזיקער גרופע. און מחמת די זאך האט אפגעשפיגלט דאס ארעמע לעבן פון יידן אין פוילן, האט די דראמע זער אויסגענומען ביים עולם. אויפגעפירט האבן מיר זי אינם „פאלקס־פאלאץ" — „פיפלס־פאלעס" — אין דער לאנדאנער איסט־ענד.

א פעסטע באזע פארן יידישן טעאטער, קאן מען זאגן, איז לאנדאן שוין געווען אין די ניינציקער יארן פון פאריקן יארהונדערט. א גרויסע צאל יידישע אקטיארן זענען אהערגעקומען, אזוי, אז צוויי טעאטערן האבן זיך דא געעפנט — דאס „פאוויליאן"־טעאטער אין ווייטשעפל און „מייל־ענד עמפייר"־טעאטער אויף דער מייל־ענד רויד. אלע שפעטער־בארימטע יידישע בינע־קינסטלער פלעגן אויפטרעטן טאקע דא־הי אינם פאוויליאן־טעאטער.

אין יענע יארן האט מען זיך אפילו ארומגעטראגן מיטן געדאנק צו שאפן א יידישע אפערע! דער בנין עקזיסטירט נאך — איצט א קינא פאר אינדיער — אבער די אפערע־אונטערנעמונג האט, ליידער, נישט מצליח געווען . . .

יעקב אדלער אליין האט אנגעפירט מיטן פאוויליאן־טעאטער, צוזאמען מיט זיין דריטער פרוי, שרה אדלער און די טעכטער זיינע. ווען ער האט דא פארענדיקט זיין לעצטן סעזאן, האט די דירעקציע איבערגענומען דער שוישפילער איזידאר ביזעט, ווען יעקב אדלער האט פערזענלעך אריבערגעברענגט אהער פון אמעריקע.

היות הער רוב מנין ובנין פון יידן אין לאנדאן איז באשטאנען דעמאלט פון יידיש־רעדנדיקע יידן, פלעגט דאס פאוויליאן־טעאטער אנגעפילט געווארן ביי יעדער פארשטעלונג. אפילו אין מיין צייט נאך האט די אמאטארן־גרופע מיינע אויך דערגרייכט אזעלכעס, איבערהויפט וויל מיר האבן זיך אנטוויקלט און ארויפגעארבעט צו קענען שטעלן גאנצע פיעסן! אונזער רעפערטואר האט איינגעשלאסן ווערק פון יעקב גארדין, אנשל שור, זלאטארעווסקי, משה ריכטער און — אחרון אחרון חביב — אברהם גאלדפאדן!

אונזערע פארשטעלונגען האבן מיר אויפגעפירט סיי אין דער איסט־ענד סיי אין דער וועסט־ענד, וואו מיר האבן געקאנט דינגען א זאאל מיט א בינע. מיר האבן אפילו געשפילט אינם טעאטער אין אדלער־סטריט און אין דער געביידע פון דער שניידער־יוניע אין גרעיט־גארדען סטריט, וואו עס איז געווען א פארהעלטניסמעסיק גרויסער זאאל מיט א נישקשהדיקער בינע. אויך אין בעל־ליין האט עקזיסטירט א קליין טעאטערל, וואו מיר

זענען טיילמאל אויפגעטרעטן מיט פארשטעלונגען, און דאס גראנד פאליי טעאטער.

האלב־פראפעסיאנעלע אקטיארן און אקטריסעס זענען כסדר צוגעשטאנען צו אונזער גרופע. מיט אט דעם באגריף „האלב־פראפעסיאנעלע" האבן מיר פארשטאנען אזעלכע, וואס האבן זיך מפרנס געווען פון כלערליי מלאכות און נאר פון צייט צו צייט אויפגעטרעטן אין טעאטער אדער אזעלכע, וואס האבן איינגעארדנט בענעפיסן פאר זיך ווי א נעבן־פרנסה. אלעזר בער גאלדשטיין, בעקי גאלדשטיינס מאן, איז געווען אזעלכער, וועלכער האט זיך געהאט גענומען צו ווערן א מעכאניקער, וואס פארריכט ניי־מאשינען. אן אנדערער אזעלכער איז געווען יאסל טשיזשיק, א בייטל־מאכער, וואס האט אליין אפילו געהאנדלט אויפן מארק מיט דער סחורה פון זיין אויסארבעטונג. א דריטער — זיינוול ערליך — איז אויף דער עלטער געווארן א חזן! א פערטער איז געווען משה טענצער, וואס האט זיך ארויפגעארבעט אזש צו ווערן א שניידער־מייסטער . . . בעת מאקס איצקאוויטש איז בלויז געווען א מאשינער אין א שניידעריי.

אזוי־א האט זיך געצויגן א מין גאלדענע קייט פון יידישן טעאטער דא אין לאנדאן ביזן יאר 1935, ווען דאס פאוויליאן־טעאטער האט זיך פארמאכט צוליב סטרוקטורעלע סבות אין דער געביידע. אייזיקאוויטש האט דעמאלט ארגאניזירט דאס „גראנד־פאליי"־טעאטער מיט א טרופע פון פראפעסיאנעלע אקטיארן און אקטריסעס.

ווען מאריס שווארץ איז אהערגעקומען מיט זיין קונסט־טעאטער צום צווייטן מאל פון אמעריקע אויף גאסטראלן, האבן צוויי פון זיינע זער טאלענטירטע טרופע־מיטגלידער, מארק מארקאוו און זיין פרוי עטא טאפעל, באשלאסן דא צו בלייבן מיט אונז. לכתחילה זענען זיי געשטאנען בראש פון טעאטער אין אדלער סטריט, שפעטער פון גראנד־פאליי־טעאטער, לייסטנדיק גאר גאר פיל אויפן דאזיקן געביט אן ערך ניין־צען יאר ביז צו זייער אוועקפארן קיין אמעריקע.

די איבערגעבליבענע שוישפילער האבן זיך באמיט עם־כל אמצי כוח אויפצוהאלטן די ירושה פון יידישן טעאטער. טרעטן זיי טאקע אויף דא און דארטן אין לאנדאן און מחוץ לאנדאן, נאר קיין סטאביל טעאטער, צום באדויערן, האבן מיר מער נישט. די אנפירערשאפט איצט איז אין די הענט פונם באגאבטן און באליבטן אקטיאר, הערי אריעל, וועלכער איז אהערגעקומען נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

יום־טובדיק איז טאקע געווען די שטימונג ווען אט די חברים־טרופע האבן אויפגעטרעטן ביי די „פריינט פון יידיש־לשון" צו פייערן מיט אונז דעם טאפלטן יובל — הונדערט יאר עקזיסטענץ פון יידישן טעאטער. עס איז געווען א נחת צו הערן לעאן בלומענזאן זינגען אברהם גאלדפאדנס „ראשזינקעס מיט מאנדלען" און דאס תפילה־ליד אזוי הארציק־חזניש, מיט זיין גאר שיינער טענאר־שטימע. א זער פיינעם בייטראג צו



דער פייערונג האבן געמאכט הערי אריעל און בערנארד מענדעלעוויטש, אויפפירנדיק א פראגמענט פון שלום־עליכמס „טביה דער מילכיקער". מיר האבן פאר זיך געזען א באמת היימישן טביה מיט זיין איידעם מאטל קאמזויל. בערנארד מענדעלעוויטש און סיידי סקאפ, די איינציקע היגע געבוירענע יונגע שוישפילער, באזיצן אסך טאלענט און זייער זינגען דועטן און לידער איז מלא־חן. נישט געקוקט וואס זיי זענען געבוירן און דערצויגן געווארן אין ענגלאנד באהערשן זיי דאך א פיינעם, היימישן יידישן. הערי אריעל האט זער געלונגען רעציטירט א דראמאטישע פאעמע פון אונזער חורבן־ליטעראטור — „פון פערציק איינער געבליבן".

די פייערונג האט זיך פארענדיקט אין א געמיטלעכער און יום־טובדיקער שטימונג, מיט גרויס דאנקבארקייט צו די שוישפילער — די לעצטע מאהיקאנער אונזערע פון יידישן טעאטער.

מ א י ר  ב א ג ד א נ ס ק י

## צום יארטאג פון די געטא אויפשטנדן

ווי יעדעס יאר, קומען מיר זיך צונויף צו פייערן דעם אנדענק פון די אויפשטאנדן אין די געטאס און אין די קאנצענטראציע־לאגערן. עס איז אנגענומען אנצורופן עס די פייערונג פונעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא. אבער אויפשטאנדן זיינען פארגעקומען פיל, סיי אין פיל געטאס און סיי אין פיל קאנצענטראציע־לאגערן. אין דעם באנד 1 יידן — פון דער יידישער ענציקלאפעדיע — ווערן אנגעגעבן 32 ערטער — געטאס און קאנצענטראציע־לאגערן — און וועלכע עס זיינען פארגעקומען אויפשטאנדן קעגן די נאציס. אבער דאס זיינען נאר אויפשטאנדן פון וועלכע מען ווייסט בלויז דערפאר ווייל עס איז ווער נצול געווארן פון יעדן פון זיי און האט עס דעריבער געקענט פארצייכענען און אזוינאך איבערלאזן א דאקומענט דערפון. אבער עס איז גארנישט קיין גוזמא זיך פארצושטעלן, אז עס זיינען פארגעקומען אויפשטאנדן אין וועלכע אלע אנטיילנעמער זיינען אומגעקומען און דעריבער האט זיי קיינער נישט פארצייכנט און בלויז דערפאר ווייסן מיר נישט וועגן זיי.

אין פארלויף פון די עטלעכע דרייסיק יאר וואס טיילן אונז אפ פון יענער שוידערלעכער צייט האט זיך אנגעזאמלט א ריזיקע ליטעראטור: סיי מעמואריסטישע און סיי פארשערישע, פון יידן און נישט־יידן. די פארשער זוכן צו דערגיין ווי אזוי האבן דאס באשעפענישן אין דער געשטאלט פון מענטשן און אליין מיט א הויכער, פיל הונדערטיאריקער קולטור, געקענט אפטון אזעלכע זינלאזע און שרעקליכע מעשים תעתועים וואס עס איז אפילו קיין ווארט און קיין שום שפראך נישט פאראן מיט וועלכן מען וואלט דאס געקענט אנרופן. אפילו דאס ווארט „בעסטיאלישקייט"

קען דאס נישט ווי געהעריק באצייכענען. און צווייטנס, וואלט דאס דאזיקע ווארט געווען א באליידיקונג פאר יעדער ווילדער חיה. ווייל א חיה הרגעט נישט פון לוסט. זי הרגעט בלויז כדי צו דערהאלטן דאס אייגענע לעבן. אזוי האט זי די נאטור באשאפן און אנדערש קען זי איר אייגן לעבן נישט אויפהאלטן און מען קען צו איר קיין טענות דערפאר נישט האבן. און ווען זי פאנגט איר רויב הרגעט זי עס מיט דער גרעסטער געשיקטקייט און שנעלקייט, ווי זי וואלט בכוון זיך געמיט צו פארשאפן איר קרבן וואס ווייניקער ווייטיק. אבער די נאציס, ימח שמם, האבן אומגעבראכט מענטשן בלויז ווייל דאס האט זיי פארשאפן פארגעניגן. דערביי האבן זיי זיך איזדיעקעוועט איבער זייערע קרבנות און געהאלטן אין איין צוטראכטן ווילדערע אופנים פון פארניכטונג פון די יידן.

אנדערע, מכלומרשטע פארשער, זוכן צו דערגיין פארוואס, ווי עס איז ביי זיי געווען די מאדע עס אנצורופן, די יידן „האבן זיך געלאזט פירן אין די גאז קאמערן אריין ווי שעפעלעך צו דער שחיטה“. ווי אין אזא באהויפטונג וואלט כאטש געווען א שמץ אמת. די פאלאקן־„מעמואריסטן“ אין פוילן ווילן די אויפשטאנדן צואייגענען זיך אליין און זיי גלויבן אז דאס וועט זיי געלונגען.

די צרה איז איבער, אז וואס מער מיר לייענען זיך אריין אין דער דאזיקער ליטעראטור אלץ מער דערוויסן מיר זיך וועגן ערגערע ווילדקייטן וואס די נאציס האבן אפגעטון; אלץ מער זען מיר מיט וואס פאר א שפלות די נישט־יידן, סיי אין די קאנצענטראציע לאגערן און סיי אויף דער פריי אינטערנאציאנאלער הערשאפט, האבן זיך אונטערגעגעבן זייערע הערשער. אין גאנץ אייראפע: אין פראנקרייך, אין טשעכאסלאוואקיע, אין פוילן און אין אלע אנדערע לענדער אונטער זייער יאך, האבן די נאציס געווילדעוועט, גערויבט און געהרגעט אויפן ווילדסטן אופן ווען און וועמען נאר עס האט זיך זיי געגלוסט, אבער אין קיין שום לאנד האט קיינער קיין אפענעם, פנים לפנים, אויפשטאנד מיט געווער אין די הענט נישט געמאכט. בלויז אין איין ווארשע, ווען די רוסן זיינען שוין געשטאנען ביי דעם ברעג פון דער ווייל און עס האט אויסגעזען אז יעדע מינוט קענען זיי אריינקומען אין דער שטאט, האט די פוילישע, אזוי גערופענע, „היים ארמיי“ געמאכט אן אויפשטאנד וועלכער האט געדויערט, אומגעפער, אזוי לאנג ווי דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא מיט 15 חדשים פריער. אבער די פאלאקן זיינען אין קיין געטאס נישט געווען פארשפארט עטלעכע יאר פריער; זיי זיינען פון קיין הונגער און קרענקן נישט געשוואלן געווארן ווי די יידן אין די געטאס; זיי האבן געהאט מאסן געווער פון אלע סארטן. אפילו די אליאירטע אוויאציע איז זיי געקומען צו הילף. זיי האבן געהאט אוצרות געלט. און ביי אלעם דעם האבן זיי קוים באוויזן צו מאכן אן אויפשטאנד אין איין ווארשע אליין.

די יידן זיינען עטלעכע יאר געווען פארשפארט אין געטאס און זיינען



דארט געשוואלן געווארן פון הונגער, קרענק און שווערער הארעוואניע. בלויז איבערצולעבן דעם טאג איז געווען א מלחמה. ארויסצוקריגן זיך פון געטא האט מען ריזיקירט דאס לעבן: סיי פון דער וואך וועלכע האט געהיטן דעם געטא און סיי פון די פאלאקן־מוסרים (און זייער צאל איז געווען אין לשער גרויס) וועלכע האבן צוערשט בארויבט די יידן, וועלכע זיי האבן געכאפט, פון יעדן גראשן און נאכדעם זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון די נאציס.

כדי איינצוקויפן געווער האט מען מיט דער גרעסטער מסירות נפש זיך געמוזט ארויסשמוגלען פון געטא און איינקויפן עס ביי פוילישע אונטערוועלט־מענטשן און צאלן דערפאר פאנטאסטיש הויכע פרייזן. און דאס געלט דערויף האבן די אויפשטענדלער גענומען פון זייערע אייגענע, נעבעכדיקע, פארדינסטן . . פון זייערע אייגענע עמיילר אוועק . . און נאכדעם מיט דער זעלבער מסירות נפש, ערשט עס אריינשמוגלען אין געטא אריין.

ווען דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא איז אויסגעבראכן האבן די פאלאקן זיך פארזאמלט ארום די געטא מויערן און צוגעקוקט זיך צו דער פינסטערער דראמע ווי אמאל די רוימער צו די גלאדיאטארן קאמפן. קיין ברודערלעכע האנט האט קיינער צו די געטא קעמפער נישט אויסגעשטרעקט; קיין ביסן ברויט זיי נישט צוגעווארפן.

אין די קאנצענטראציע־לאגערן האבן די נאציס אומגעבראכט, אחוץ די יידן, אויך 6 מיליאן נישט יידן פון אלע פעלקער אין אייראפע. אפילו דא איז די לאגע פון די יידן געווען אומפארגלייכלעך שווער ווי פון די נישט יידן, אבער בלויז די יידן האבן געמאכט אויפשטאנדן אין די קאנצענטראציע־לאגערן און קיינער נישט פון אנדערע פעלקער! און נאכדעם ערשט, אז עס איז געלונגען א געוויסע צאל יידן זיך ארויסצוקריגן פון א קאנצענטראציע־לאגער, נאך א געלונגענעם אויפשטאנד — האט צו זיי קיינער פון דער ארומיקער באפעלקערונג קיין ברודערלעכע האנט נישט אויסגעשטרעקט; קיין ביסן ברויט זיי נישט געגעבן; פונקט פארקערט: מען האט זיי פארטריבן פון זיך און, אין די מערשטע פאלן, זיי פארמסרט צו די דייטשן און אזוינאך געהאלפן זיי צוריק געפאנגען צו ווערן.

אלע דידאזיקע פאקטן ווערן דא דערמאנט נישט, חלילה, ווי א פארענטפערונג פון די יידן און די געטאס און קאנצענטראציע־לאגערן. זיי דארפן נישט קיין פארענטפערונג און עס וואלט געווען א חלול עס צו פרווון טון. דידאזיקע פאקטן ווערן דא דערמאנט ווייל אויף אויז, די דירעקטע אבלים, ליגט דער חוב באוווסט צו מאכן דערוועגן די, וועלכע ווייסן וועגן דעם נישט — און אויך שטיל צו מאכן די שמוץ ווארפער.

אין דעם טאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא, וועלכער איז אויך די סימבאלישע יארצייט פון אלע אויפשטאנדן סיי אין די געטאס און סיי אין די קאנצענטראציע־לאגערן, צינדן מיר אן 6 ליכט, וועלכע סימבאליזירן פאר אונז די 6 מיליאן אויסגעלאשענע לעבנס און ביי די,

געצונדענע ליכט, געבן מיר אפ כבוד די אויפשטענדלער אין ווארשעווער געטא, אין ווילנער געטא, אין ביאליסטאקער געטא און אין אלע אנדערע געטאס; מיר גיבן אפ כבוד די אויפשטענדלער אין די קאנצענטראציע־לאגערן פון טרעבלינקע, אויסשוויץ און אין אלע אנדערע קאנצענטראציע־לאגערן. מיר גיבן אפ כבוד דעם קדוש ארטור זיגלבוים, וועלכער איז דא אין לאנדאן געווען דער שליח פון די געטא יידן, און נישט קענענדיק זיי העלפן אויף קיין ממשותדיקן אופן — האט ער, דא אין לאנדאן, זיך אליין אומגעבראכט ווי א פראטעסט צו דער גלייכגילטיקייט פון דער וועלט צו אלעם דעם וואס די יידן האבן געליטן און אזוינאך זיך פאראייניקט אין טויט מיט די געטא אויפשטענדלער.

דא, ביי די געצונדענע ליכט, דערמאנען מיר דעם אנדענק פון אונזערע טאטעס און אונזערע מאמעס, אונזערע ברידער און שוועסטער, אונזערע פרויען, מענער און קינדער, אלע אונזערע משפחה מענטשן אלע אונזערע פריינט, אלע אונזערע שכנים, אלע פרויען און מענער, אלטע לייט און קינדער — א גאנצער מיליאן קינדער — וועלכע גייען אריין אין דער אומבאגריפלעכער צאל פון 6 מיליאן קדושים וטהורים, אומגעברענגט דורך די נאציס, יידן.

מיר קענען זיי נישט פארגעסן ווייל מיר זיינען די דירעקטע אבלים נאך זיי. זייער אומקום האט צעלעכערט אונזערע הערצער, וועלכע קענען זיך נישט פארהיילן און צעבראכן אונזערע לעבנס וועלכע קענען זיך נישט גלייכשטעלן.

זיי שטייען פאר אונזערע אויגן סיי ביים שלאפן גיין און סיי ביים אויפשטיין פון שלאף און מאנען פון אונז נישט צו דערלאזן אז זייער אנדענק זאל פארגעסן ווערן. זיי מאנען פון אונז אז מיר זאלן כסדר דערמאנען דער וועלט צו וואס פאר א מאראלישער פארדארבנקייט זי קען אראפפאלן ווען זי לאזט זיך באהערשן פון אומגעצוימטער שנאה.

און וועט אונז געלונגען צו מאכן די וועלט קוקן דידאזיקע פאקטן אין די אויגן אריין — דאן קענען מיר האפן אז קיין ענלעכעס וועט שוין קיינמאל נישט געשען, און צווישן־פעלקערלעכע שנאה וועט פארשווונדן אויף אייביק, און מיר, יידן, וועלן דאן לעבן בשלום ושלוה מיט אלע אנדערע פעלקער.

יוסף וו. פ. סטאפעלמאן

## ווען יצחק באשעוויס־זינגער איז געווען א מאדעל פאר א מאלערין

— צום פארטרעט זיינעם פון קלארא קלינגהאפער —

מיר האבן זיך באגעגנט מיט יצחק באשעוויס־זינגער אין דער וואוינונג



פון געמיינזאמע פריינט אונזערע אין דער מאנהאטען־געגענט פון ניו־יארק; און כמעט אין דער אותה רגע האט מיין פרוי, די קינסטלערין קלארא קלינגהאפער, זיך געפילט ווי באצויבערט — נישט בלויז פון זיינע לעבהאפטע, לייכט־פליסנדיקע רייד און זיין שארפזין, נאר איבערהויפט פון פארם פון זיין קאפ, די בלייכקייט פון זיין הויט, די תלמיד־חכמדיקע שטרענגקייט פון זיינע שטריכן זיינע לייכט־בלויע, מאדנע דורכדרינגלעכע אויגן. אויפן ארט האט זי אים געפרעגט צי ער וואלט געווען גרייט צו פאזירן פאר א פארטרעט פון אים גופא. און אן שום ווייטערס האט ער מסכים געווען דערצו.

אנגעקומען איז ער צו דער ערשטער זיצונג נאך פאר דער באשטימטער שעה: אן איבערגעווײנלעך זעלטענע זאך פאר „מאדעלן”. קלארא האט נאך נישט געהאט אפגעמאכט ביי זיך וויאזוי אים צו מאלן, נאר כמעט אזוי גיך ווי ער האט זיך אנידערגעזעצט אויף א ווייכער שטול האט ער איר געהאלפן צו א באשלוס. ר'האט פארלייגט איין קני אויף דער צווייטער, זיך גענומען שפילן מיט זיינע הארן־בארעמטע ברילן מיט איין האנט און געקוקט אויף דער מאלערין ווי זיך צו דערקונדיקן. עס איז געווען פארטרעפלעך, אן אבסאלוט־נאטירלעכע פאזע, מיט א שיין פון צפון־ליכט אויף זיין פערזאן. „אט אזוי, הער באשעוויס, בלייבט אזוי זיצן ווי איר זיצט!”

ער איז טאקע געבליבן אזוי זיצן פילנדיק זיך פאלקאם באקוועם, און זיי האבן אנגעהויבן א לייכטן שמועס איבער כלערליי ענינים, ביכער, צייטונגען, זיינע שריפטן און איר קונסט. שפעטער אביסל, ווען איך בין אריינגעקומען אין דער סטודיע איז מיר קלאר געווארן, אז באשעוויס־זינגער האט זיך שטארק אינטערעסירט מיט די „נישט־געזעענע” זאכן ארום אונז. איך האב אים דערציילט פון אן איבערלעבונג מיט יארן צוריק אין פאריז, וואו א דאמע א העלזעערין האט מיר אויף דער גאס געזאגט געוויסע דערשטוינענדיקע זאכן וועגן מיר פערזענלעך און מיין פרוי — זאכן, וואס, איך בין גאנץ זיכער, נאר איך אליין האב געקענט וויסן. ער האט זיך גיריק צוגעהערט, און דערנאך געזאגט מיט אמתן באדויערן אין זיין קול, „א שאד וואס איך האב קיינמאל אזעלכעס נישט דערפארן!”

אבער אויב דאס איבערנאטירלעכע האט אים ספעציעל צוגעצויגן, האט ער אויך געהאט א געזונטן חוש פאר הומאר, אפילו קעגן זיך אליין. ריידנדיק איבער דער באציאונג צו עלטער, האט ער געזאגט, אז „אין מיין רעדאקציע פון „פארווערטס” — א צייטונג אין וועלכער ער האט יארנלאנג מיטגעארבעט — באהאנדלען מיך מיינע מיטארבעטער, זער עלטערע מענטשן שוין, ווי א יונגטלעכן און הגם זיי זענען טאלעראנט לגבי מיר, האלטן זיי זיך אבער אביסל פון דער ווייטן. אנדערש־וואו, פון דער אנדערער זייט, צווישן מענטשן אין די שפעטע דרייסיקער און פערציקער, וואס האבן אויך שוין דערגרייכט א געוויסן סטאטוס אין דער ליטערארישער וועלט, האלט מען מיך פאר דעם 'ווירדיקן מייסטער פון געשריבענעם ווארט!' און מען

באהאנדלט מיך מיט א כבוד וואס קומט איינעם, וואס איז, אזוי צו זאגן, 'אויף זיין וועג ארויס'. . . ״

און ערך זעקס מאל איז באשעוויס־זינגער אזוי געזעסן פאר זיין פארטרעט, זיצונגען אמאל לענגערע און אמאל קירצערע; ער האט אבער דער



קינסטלערין קיינמאל געגעבן דאס געפיל, אז ער פטרט אוועק זיין צייט. להיפוך, דאס פאזירן האט אים א הנאה געטון, און ער איז תמיד געקומען צו דער צייט, נישט געקוקט וואס זשורנאליסטישע אדער ראדיא־טעטיקייט קען זיין דרינגלעך.



זער פיל פלעגן מיר שמועסן איבער ברוך שפינאזא, וועמען ער האט ממש פארגעטערט סאי אלס דענקער סאי אלס מענטש. נאר עפטערס פלעגן מיר במזומן שמועסן איבער זיינע ראמאנען און דערציילונגען. אין ווארשע האט ער געהאט, אזוי האט ער געזאגט, פיל לעבעדיקע קעגן־בילדער פון טיפן אין זיינע שריפטן און האט אויך אפט באזוכט די פוילישע באוואלדעטע געגנטן. אמאל האט ער דערציילט, אז „מיר פרעגט מען אפט הלמאי איך באשרייב אזויפיל משוגעים, פאנאטיקער, פארברעכער, רויבער אפוייכער פון נאטירלעכן געברויך און אוממאראלע ברואים צווישן די מענטשן אין מיינע ביכער. פארוואס געפינט זיך אזוי ווינציק ליבנסווירדיקייט און מעלאנכאליע אין מיינע ווערק הגם מען געפינט זיי אזויפיל אין די שריפטן פון שלום־עליכם און פרץ. נו, דער ענטפער איז גאנץ איינפאך: איך זע מיינע לייט, די וואס איך באשרייב, אזוי ווי זיי זענען עס געווען: ווערזנטלעך, איינפאכע מענער און פרויען אנגעשטאפט מיט גוטסקייט, אבער אויך מיט מאדנע זאבאבאנעס און געפלאגטע מיט כלערליי מענטשלעכע שוואכקייטן. אוודאי געפינען זיך צווישן זיי ווייניקער קאלירפולע ברואים אויך בעסער אבגאבטע מיט וואס מיר רופן שכל־הישר. נאר גלויבט מיר דאס לעבן אין יענע חסידישע דערפלעך איז גריילעך געווען אזוי ווי איך האב עס געצייכנט.״

די עיקר טענער אינם בילד זענען באשעוויס־זינגערס ערנסט־שווארצער אנצוג און די גרינע טאפעצירונג פון דער שטול. בלויז נאך אן עקסטרא פענזיל־שטריך מיט א לעבעדיקער קאליר האט זיך געפאדערט, און באשעוויס־זינגער האט זיך געפילט העכסט צופרידן ווען די קינסטלערין — אויפן בילד — האט אים צוגעגעבן א רויטן שניפס . . .

פארענדיקט דעם פארטרעט, האט באשעוויס אים שטודירט לאנג און קריטיש. דערנאך האט ער אויסגערופן: „עס איז וואונדערבאר!״ האט אנגעהויבן דערציילן פון א פריינדין זיינער פון א געוויסער עלטער, וו יאסך אנדערע פון איר סקאל לעבן, האט זיך גענומען צו מאלעריי ווי צו א צייט־פארטרייב. ער האט זי געפרעגט, וואס פאר א מאלעריי עס אינטערעסירט זי, און זי האט אים גלייך געענטפערט, אז פארשטייט זיך אבסטראקטע מאלעריי! איר ווייסט דאך מסתמא אליין, אז דער אנדערער סארט מאלעריי איז צו שווער!

„עס האט מיר פארשאפט פארגעניגן אים צו מאלן״, האט די קינסטלערין מיר שפעטער געזאגט. „ער איז אזוי איידל און געפעליק. דאך האב איך עפעס געהאט דאס געפיל, אז ער איז נאך אלץ דער אימיגראנט פון פוילן אין וועמעס זכרון 'דאס אלטע לאנד' לעבט כסדר, אבער נישט סענטימענטאל. ניין, נאר מיט אינטענסיווער קלארקייט פון קאמפלעטער פסיכאלאגישער פארשטענדעניש.״

א. נ. שטענצל

# מיין ערשטער האנאראר אין ווייטשעפל

עס איז געקומען דער לעצטער טאג פון מיין אויפענטהאלט־דערלויבעניש צו זיין אין ענגלאנד—דעם 18טן דעצעמבער, 1936—מיט א צושריפט אינם פאס, אז איך טאר אפילו נישט בעטן אויף א פארלענגערונג.

איך האב מיר געפאקט דאס פעקל, אריינגעלייגט די פאר ביכער, איינס פון מיין יעדער אויסגאבע, וואס איך האב אויף דער שנעל מיטגע־כאפט פון בערלין, כ׳זאל עס האבן גרייט מארגןביים פארלאזן דעם האטעל, און מיך אראפגעלאזט קיין ווייטשעפל. קודם מיך צו געזעגענען מיט די פאר באקאנטע, אבער דער עיקר צו פארקויפן דעם גאלדענעם רינג, וואס עליזאבעט וועלער האט אים מיר אהערגעשיקט דורך א געלעגנהייט.

אין די פיר היטלער־יארן, וואס איך האב מיטגעמאכט, האב איך ארויסגעגעבן איניקע ביכער: געדרוקט א בוך, עס פארקויפט און ארויס־געגעבן א צווייטס—פאר דעם ערשטן בוך „מזל טלה״, די חומש־פארטרעטן און נביאישע האט פריינט שיין באצאלט דעם דרוקער, אין 1934, איידער ער איז אוועקגעפארן קיין אמעריקע. אין דעם לעצטן בוך, „פונדערהיים״, געדרוקט אין 1936, איידער איך האב פארלאזט בערלין, איז שוין געווען אנאנסירט דאס בוך „משה מאץ״—און מיטן דרוקער מושווה געווארן אויף דריי הונדערט מארק.

ווען איך האב געמוזט שנעל עוקר זיין פון בערלין און נאר געמעגט מיטנעמען בלויז צען מארק, האב איך דאס געלט געלאזן ביי פריילין וועלער, אז זי זאל עס מיר צושיקן און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט האט זי עס געטון. עס איז געווען א שווערער גאלד־רינג—קודם זאל איך האבן דאס ביסל ממתקים, וואס איז נויטיק פאר דער אפרייזע פון דא.

געקומען אין ווייטשעפל, בין איך אריין אין דער רעדאקציע פון „די צייט״ מיך געזעגענען מיטן רעדאקטאר, מאריס מייער; ער האט דאך אפגעדרוקט צוויי לידער פון מיר, וועט אויך זיין א שטיקל צושטייער צום בילעט. אבער דער עיקר: זען ווי כ׳קאן פערשאכערן דעם רינג.

ווען כ׳האב אים דערציילט, אז איך מוז מארגן אוועק פון דאנען אויך אז לויט ווי מ׳האט מיר געזאגט, אז ווען כ׳וואלט געהאט א זיכערע עקזיס־טענץ, וואלט עס מסתם אנדעריש געווען; וואלט דער „האום אפיס״ געקוקט דורך די פינגער, האב איך געזעען, אז ס׳האט דעם ייד זייער וויי געטון . . . ווייל ביי א גוטן ווילן וואלט ער׳ס מסתם געקענט לייכט אדורכפירן. איך האב מיך מיט אים שנעל געזעגנט . . .

„יא, איך בין דאך איך שולדיק פאר די צוויי לידער אייערע, וואס איך האב אפגעדרוקט״. ער האט מיר אבער באצאלט פאר פיר לידער . . . מסתם ס׳יידישלעכע געוויסן דאך גוט צו מאכן. אזוי אז כ׳האב שוין דעם רינג נישט געברויכט צו פארקויפן.



איך בין שפעט צוריקגעקומען אינם האטעל. לאנג האט געדויערט ביז איך בין יענע נאכט איינגעשלאפן . . . א קלאפן אין טיר האט מיך אויפגעוועקט! עס איז געווען קריסטאבעל פאולער, וואס איז מיט א פריי־צוג אנגעקומען צו פארן פון ליווערפול. זי האט געוואוסט, אז איך מוז היינט פארלאזן לאנדאן. איך האב מיך מיט איר דערפריידט ממש ווי מיט א מלאך־הגואל.

זי האט מיך אבער גארנישט געלאזט קומען צו רייד: „איך בין געקומען מיר זאלן גיין צום „האום אפיס״ צו פארלענגערן דעם אויפנט־האלט״.

מיין פרייד רייסט זיך פארט אין מיר און איך צעלאך מיך מיט א הילכיק געלעכטער און ווייז איר די צושריפט אויפן פאס.

„אלנפאלס, מיר גייען צום „האום אפיס״! גיט זי מיר ווי א פאטש אפ מיין פריילעך געלעכטער. דער וועג איז ממש געווען א ווילד־משוגענער פון יינגלישער פרייד: „פופציק לאנדאנער סאנעטן״ ווארעמען זיך אין מיין בוזעם־טאש און די אנדערע פופציק גייען מיר ביי מיין רעכטער זייט—איך מוז זיי נאר בלויז אנשרייבן . . . איז וויאזוי קאן איך פון דאנען אוועק? יא „האום אפיס״ נישט „האום אפיס״, ווייס איך וואס? שטותים!! און דער נאר לאכט אין מיר נאך הילכיקער.

אריינקומענדיק אין „האום אפיס״, אין ווארט־צימער, זע איך א שטייענ־דיקן זייגער הענגען אויף דער וואנט, און איך פלאץ ערשט ארויס אין א ריכטיק געלעכטער: אין „האום אפיס״ פון דער פירנדיקער מדינה פון דער וועלט הענגט א שטייענדיקער זייגער!—די צייט שטייט דא אפנים . . . א גרויס־מאכט קאן זיך דאס מסתם לייסטן!

מ׳האט אונז אריינגערופן צום באאמטן. זי דערלאנגט אים מיין פאס. ער קוקט שווייגענדיק אויף מיין וויזע. ער קוקט מיך אן, אויף מיין פנים איז נאך די שטימונג פון מיין וועג אהער און דאס לאכן מכוח דעם שטייענדיקן זייגער . . . ער קוקט אן פרוילין פאולער און ער אליין ווערט אויך פריילעך . . . און אן איין ווארט שרייבט ער אונטער דעם אויפנטהאלט אויף נאך דריי חדשים. ער גיט מיר דעם פאס און באַ־גריסט אונז ווי ער וואלט געווען א דריטער עדות אין עפעס א פריילעכן סוד.

אויב מיר זיינען אריין אין אפיס ווי צוויי ילדים, זיינען מיר ארויס ווי צוויי משוגעים און האבן זיך געלאזט אזוי אין דער שטימונג קיין ווייטשעפל..

יא, איך מוז ארויף צו מאריס מייערן. כ׳האב געזען, אז דעם ייד האט וויי געטון. זאל ער זיך מיט אונז פיטפרייען. און ער האט זיך באמת מיט אונז מיטגעפריידט.

ער האט אונז איינגעלאדן צו א „פייערלעך״ מיטאג צו פייערן די געשעעניש. מייער איז געווען א מאדים ביי אזעלכע געלעגנהייטן . . .

בײם אויפשטײן פון טיש זאָגט ער צו מיר נאָך פּײערלעכער: „חבר שטענצל, אַן עקזיסטענץ האָב איך אײך נישט געקענט זיכערן, אָבער פּופּצן שילינג פאַר אַ ליד רעגלמעסיק יעדע וואָך אין „דער צײַט" און גיט מיר די האַנט נישט צום געזעגענען זיך, נאָר צום אָפּמאַך פון דעם פײערלעכן מסחר. און דער זשמיר פון די וואַכנדיקע רעדאַקטאָר־אויגן זײַנען מיט זשענטלמענרישער מאַנירלעכקײט, ווי מיט אַ רײכל פאַרצויגן, זײַנען געווענט צו דער ענגלישער דאַמע וואָס איז בײ מײַן זײַט געשטאַנען—

פופצן שילינג דעם 19טן דעצעמבער, 1936, איז געווען ווי הײַנט פופצן פונט!

## אין מײַנע ד׳ אמות

(אַקאָרדן)

ערשטער טײל

* * *

די שויבן אינעם פענסטער־רעם,
גאַנצע טעג אַזוי באַכאַנאַנד,
רוקן זיך גראַטעס אויף דער וואַנט.

אין אַ תּפֿיסה כ׳וואָלט געזעסן,
אין אַ צעלע אײנער אַלײן,
זעלטן אַ באַזוך ס׳קומט צו גײן.

קלאַפּט נישט ווער אותיות אין וואַנט אויס?
ניין, ס׳איז מײַן האַרץ וואָס קלאַפּט,
מײַן מוח וואַרט שוין זעלטן אויפכאַפּט.

ד אַכט זיך, דער געפענקניש־שומר,
פון שטול כ׳שטעל מיך דערשראָקן אויף
מיט אַ מין דערשראָקענעם לויף.

און אַז כ׳גײ שוין אין גאַס אַרויס,
די פאַר מינוט תּפֿיסה־שפּאַציר — —
כ׳קום צוריק, שליסט זיך שווער די טיר.

* * *

1

עס איז שוין דאָס קאַפּעע אויכעט נישט דאָס,
ס׳פעלט שוין אַ דריטער צום מזומן;
יאָ, מ׳זאָל צאָלן פאַר טעפּעלע קאַווע,



כאַטש קוק אַרויס משיח זאָל קומען.

נאָך גוט וואָס הינטערן רוקן ס׳פּאַרקל,
אַ צוויי־דרײ וואַקל־שריט פונדאַנען;
דו זעצט דיך אַנידער מיט דיר אַלײן,
שמועסט זיך דורך וואָס אויף האַרץ פאַראַנען.

אַז ווערסט מיד, די אויגן פאַרמאַכן זיך,
וועקט דיך אַ ליד אינמיטן טרוימען,
פויגל וואָס זינגט אין בין־השמשות שעה
שקיעהדיק אויפן שפּיטאַל־קוימען.

* * *

אַז כ׳לויף אַדורך די ווײטשעפּל גאַס,
פון וואַלענס רויד ביז מײַלענד דאָס שטיקל,
כ׳וואָלט צוריק אין מײַן שטעטל געווען,
איבער יענעם פאַפּירענעם בריקל.

ס׳גערויש בײ די בודן, סטראַגאַנעס —
פון אַלדעם־גוטס בײ זײ צו קריגן!
די אויבסט־טישלעך — גאַנצענע סעדער,
און ווי אויסגעסדרט, זײ ליגן.

די פּאַמידאָרן, פּאָמעראַנצן,
און עפּל גאַנצע פּיראַמידן;
באמת אַקאָרשט פון מצרים,
כ׳זע אַן אָנגעקומענעם ייִדן.

ס׳איז אַקאָרשט פון פּאַרקל דאָ די טויב,
אַ ברעקל צו כאַפּן אָנגעקומען — —
די שכינה פון יעטווידן ווינקל,
איך הער נאָך דאָ ווײנענדיק ברומען.

* * *

אַז כ׳קוק אויף די מענטשן דאָ אין גערטנדל,
נישט נאָר די מענטשן — די טויבן!
פון גאַנץ אַנדערן מין זײ זײַנען,
באמת עס איז נישט צו גלויבן.

וועל איך אַרויסלאָזן דעם מענטש אַצינד,
ווער צו אים די כּוחות איצטער?

אז נישט נאר דער מוח א ווילד־צעגליטער,
גאנצער גוף — עלעקטריש־צעבליצטער.

נעמען מיר א טויב אינם קיו־גארדן,
צי אין אונזער הייד־פארק אפילו — —
ס׳אטלעס־בלויקייט פון די גאלד־פעדערלעך,
די טויב אויגן גוטינק שטילע.

און פארליבט ר׳איז ווי צארט־עלעגאנט,
טאנצנדיק זיין טייבעלע נאך ער וואקלט;
דא ווי ער יאגט זיך מענטש א ווילדער —
א שכור, א גאנצן טאג גשהכולט.

און דעריאגט ער זי שוין כאפט זי זיך אויף,
מיט לעצטן כעס אוועקגעפלויגן — —
און ער ווי נעבעכדיק, ער בלייבט דאס שטיין,
מיט זיינע שיר־השירים־אויגן.

א, נישט צו די שכורים אויף דער באנק,
מיט רחמנות ארומגענומען —
זיי געפינען א טרייסט אינם פלעשל!
די טויב דא ווי פארשטויבט, פארקומען.

* * *

נישט כוואליע געפעלשטער ביי ברעג,
נישט זון־רעגן אויפן ים,
דעם אטעם ווער כאפנדיק שווער,
פלאפלט אין וועלט אריין סתם —

איבערן קאפ צעפלאמטע זון,
פלאקערט ווילד א פייער פלאם;
ווען נישט דער וויגנדיקער צווייג,
פון בלעטל צעפעכלטן שטאם.

פון גאס אהער דער גאז־געשטאנק!
דער געשטויב, דער טאראראם!
אויב נישט אויף שויס פון א מאמע,
ס׳וויגט מיך אין א גוטע אם.

* * *

דאס קליינע פארקל אינמיטן ווייטשעפל,



ווי ביים טאטן אין וויינגארטן, ווי אין שענק,
א שוויץ־בעדל — נישט קיין סעדל פון עפל;
מיט פלאשן „סיידער" חברה צעלייגט אויף בענק.

צי האב איך אפשר געמאכט א „שהכל"
ווי טויט־שכורלעך פון באנק צו באנק כ׳וואקל?
ניין, נישט ווין — שקיעה בלוטיקט איבער לאנד,
געווין איבערגייט גאלדענעם בעכערס ראנד.

* * *

ווי ס׳רוישט געוואלטיק ארום מיר די שטאט,
איבער מיר שטיל דאס פיצעלע הימל;
פון די ארבע־אמות פארוועלקטן גראז,
זוינקט צו מיר א לעצט פארבליבן בלימל —

נאך א ווייל אודאי כ׳וועל ווערן וועלק,
דאך קומענדיק יאר פריש ארויסקומען;
יא, אויב אומקרויט און דערנער ס׳וועלן זיין,
וועלן אויך בליען רויזן און בלומען.

ווי לויטער א שטיקל הימל קאן זיין,
און פארוואלקנט גאנצער הימל ווערן!
נישט נאר א מענטש, אויך הימל קאן וויינען,
מיט פאלטשע ווי מיט ערלעכע טרערן.

ווי ס׳רוישט געוואלטיק ארום מיר די שטאט,
אריבער גאס קוים — ס׳וויל נישט אויפהערן!
איין גרויסע סימפאניע ס׳קאן ווערן,
אז מ׳טוט זיך נאר דערצו גוט צוהערן.

* * *

זשוואווע וואקלדיק ווערמל
פון אונטער דער ערד ארויס,
אין א שליחות גיכן — —
ס׳איילט זיך, ס׳דרייט זיך, ס׳קורטשעט זיך,
ווי א פראגע־צייכן שטעלט זיך:
וועל איך צום ציל דערקריכן?

ארויס פון אונטערן גראז,
אויף דער סטעזשקע שוין ארויף,
אויפן אספאלט סבלייבט ליגן;

לעצטער גסיסה־געראנגל!
פארקראמפט אויפן קאפ עס שטייט —
א בר־מינן צעשריגן.

אויפן אהיים וועג צוריק
טויט ליגן איך האבאָס געזען,
פון א שטיוול צעטרעטן;
מיך טיף אראפגעבויגן,
מיט טרערן אין די אויגן
מחילה איך האב׳ס געבעטן.

* * *

1

שא, הערסט דו דאס תפילהדיקע פייגעלע,
ווי ס׳טשוויטשערט וויינענדיק צווישן די צווייגן?
וואלט איך געקענט בלייבן אזוי פארבארגן,
ריידנדיק מיט מיר אליין — אלץ פארשוויגן.

א זומער, א ווינטער און פרילינג און הערבסט —
ס׳טוישן זיך צייטן אייביקייט זאל בלייבן!
און איך, מיט מיין תוהו־ובוהודיקייט,
גאנצע „אומשטערבלעכקייטן” אויפצושרייבן.

2

לידיק ווערט דאס גערטנדל,
א פייגעלע לעצטן פישטש;
אויף שקיעה טונקלען הימל,
א שטערנדלס ערשטן בלישטש.

ווי ווייט פון שטערנדל כ׳בין,
אזוי ווייט כ׳בין איצט פון מיר —
צי וועל איך נאך דערזינגען,
קוהלתדיק מיין לעצטן שיר?

3

אפשר גאר ליגן בלייבן,
דא־א אויף דער גארטן באנק?
באהאלט דאך א פייגעלע,
זיסטן טשוויטשע פאר לעצט געזאנג.

ס׳קלינגט גערטנער מיט די שליסלען,
ווארט אומגעדולדיק ביים פלויט — —



שא מען הערט קיין פישטש נישט מער,
איז דאס פייגעלע שוין טויט?

צווייטער טייל

1

זי איז אלט געווארן די וועלט,
האלט אין איין ריידן רק צו זיך — —
פון אלט פענסטער ארויס שוין!
וואס? פרעג בחרם זי און מיך.

בלייב איך ביי יעדן פענסטער שטיין,
און ווי גוט איך הער מיך נישט איין,
איין ווארט כאטש קענען פארשטיין,
און סמוטנע כ׳נעם מיך ווייטער גיין.

2

בלויז פון יעדן פענסטער ס׳זעלבע,
ווי צו הערן כ׳בלייב צוגעקלעבט — —
יא, זאיז אלט געווארן די וועלט,
זי שיסט זיך און נאך אלץ זי לעבט.

וואס איז דען דא אסך צו פארשטיין?
זי שיסט זיך אינם קאפ אריין?
אז זי האט קיין קאפ נישט, ניין — —
אינם הארץ? סאיז פון שטיין!

3

א וועלט־קריג? וויפל מיליאנען?
א צווייטע? זעקס פון אונז אליין — —
א דריטע? הינטער דער פלייצע
מיט אטאם־באמבע אלע שוין שטיין.

בלייב איך פאר יעדן פענסטער שטיין!
וואס איז דא אסך צו פארשטיין?
אז ווי גוט איך הער מיך נישט איין,
כ׳הער רק א שטאמלדיק געוויין.

4

נו, נעם איך מיך ווייטער שלעפן,
דאך כ׳בלייב פאר נאנטסטן פענסטער שטיין!

נישט ווייל כ׳וויל עפּעס דאָך דערגיין,
נײַן — קיין כּוחות ווייטער צו גיין!

וואָס מישטיינסגעזאָגט צו פאַרשטיין
און וואָס שוין אַסך צו דערגיין,
אַז ווי דאָס לידל זאָל נישט זײַן,
עס איז אַלץ דער זעלבער רעפריין.

5

. . . אַ, קוים איך דערשלעפּ מיך אַהיים,
קיין ראַדיאָ און איינער אַליין,
איז ווער רעדט איצט אין מיר אַרײַן?
כ׳הער, אָבער קיין וואָרט צו פאַרשטיין.

איז וואו זאָל איך ווייטער גאָר גיין,
כאָטש אין דער אדמה אַרײַן — —
מילא, די וועלט יאַק וועלט, אָבער
אַז אַלט געוואָרן שוין אַליין.

* * *

1

די הערשערין פון די ימים וואָס זי איז געווען,
איך האָב זי נאָך געזען אין איר גלאָריע אַן אַ גלײַכן — —
און אפשר איז איר כּוח אַצינד נאָך געוואַלטיקער!
איז דאָך נישט גבורה פון גרויסקייט דער צייכן.

אַז איך גיי בלויז אויפן הויף אַרויס דאָ און איך זע
קינדער ווייס שוואַרצע געלע, אַלע קאָלירן
אַרום אַ באַל דאָס פריידיקע, גליקלעכע שפּרינגען,
אַ קאַראַהאָד אַלע צוזאַם גליקלעך אויפפירן — —

ווען איך דערזע דאָס, זע איך דעם כּדור־הארץ!
מײַנע אויגן איבערגייען מיט פריידיקע טרערן:
וועט דאָך אפשר דער ערד־קויל אינם קנויל־געפּלאָנטער
פון פעלקער אַ באַלעם־פרייד־שפּיל דאָך אַמאָל ווערן.

2

אַזאַ גרויסער הויף אַ זוניק־צעשפּילטער,
און קיין עין־הרע אַזויפיל קינדער;
בלויז קיין איין יידיש קינד נישט צו זען ס׳איז
צווישן די שפּילנדיקע דאָ אַצינדער.



די פּאָר יידן נאָך לעבן דאָ געבליבן,
ווי ז׳וואָלטן זיך באַהאַלטן פאַר וועמען;
נישט פאַר מורא, גאָט באַהיט, חלילה־וחס!
קיין קינד קיין רינד — ווי מ׳וואָלט זיך דערמיט שעמען!

נישט איינמאָל בלייב איך צווישן די קינדער שטיין,
ווי מיט זיי איך וואָלט געוואָלט מיך מיטשפּילן,
און שוין כאַפּ איך דעם באַל הינטן אין מײַן קאָפּ,
דעם ווילד־פאַרגאַפטן יאָלד דאָ זיי דערפילן . . .

* * *

וואוהין דערפירט מײַנע טעג,
וואו אַנגעקומען מײַנע יאָרן?
און פון מײַן גאַנץ לייב און לעבן
וואָס האָב איך נאָך אָפּצושפּאָרן?

און אַז לענגער דאָך אויסהאַלטן,
וועל איך דען ווייטער דערפאָרן?
ס׳איז דען דער הימלישער וואָגן?
וואַרטנדיקער טויטן־אָרון!

און די מײַז און ראַטן דאָרטן
אין מײַן שיידל זיך צו פאָרן — — —
אַ האַק הענגט לבנה אַראָפּ
פון הימל צעשטערנט־קלאָרן.

און צי דאַרף מען ערשט לייענען?
פון שטערן? שוין ג׳וואָר געוואָרן;
זע, דאָרט הינטן פאַלט אַ לעצטער,
אַי חשכות־תהום פאַרלאָרן.

* * *

איז דער טאָג פול מיט חלומות,
טאַפּט זיך רואיק אַדורך די נאַכט;
איז מיט מחשבות הארץ באַשווערט,
פון יעדן וואָרף מ׳ווערט אויפגעוואַכט.

טאַפּנדיק פינסטערניש אַרום,
אייגענעם אַטעם קוים מען הערט —

אפשר טאקע שוין צוגעשיט
דרייצן טפחים אונטער דער ערד?

הערט מען גריזשען א מויז, א ראט,
אדער ס׳גריזשענדיקע הארץ גאר?
אז וואס איז שוין גרויס דער חילוק
א יאר פריער צי שפעטער א יאר.

* * *

נישט גרויס געווּג ס׳איז מיין ליד,
אז אומשטערבלעך עס זאל ווערן;
נישט אינטערעסירט סאיז׳ די וועלט
צו יעדן זיך צוצוהערן —

און אז מ׳גראמט שוין שטראם גראם?
מאלע וואס דארט מענטשן שרייבן,
אז אלע ספרים זאלן בלייבן,
קברים־בערג זיך צונויפקלייבן.

אז וואס מיר וועלט, אז ווער מיר איך,
יעדן טאג א ליד געשריבן,
איז א יום־טוב ביי מיר דער איצט —
אז ביז היינט לעבן געבליבן!

דריטער טייל

1

פאל איך שוין אריין אין א דזשים,
באפאלן מיך טרוימען ווי די הינט,
און רייס איך מיינע אויגן אויף,
גאנצער ארום פארנעפלט בלינד —

אויף א פלאקערדיקער פייער־פלאם,
זיצט איבערגייענדיקער טאפ,
מיין שוימיק איבערגייענדיקער,
רויט־צערוישטער צעגליטער קאפ.

און כאפ איך מיך א צערוישטער אויף,
אויף מיין ארעם די „אבות־קניפ״— —
די לבנה שטייט אין פענסטער,
לאכנדיק פארבייסט זי א ליפ.



1

געוועזן אמאל גאלדענע צייטן,
אז א קאפ ס׳איז דא דער שטארקסטער באוויז;
גיב דאך א קוק, קיין עין־הרע,
ס׳ראיען אויף אים ארום אזויפיל לייז.

אצינד, אז די גלאצע אזוי גרויס,
אויף אן אנדער מקום לעבן זיי איצט —
ווארעם, ס׳רודערט זיך, מ׳שיבערט זיך,
א מחיה מ׳קראצט זיך און מען שוויצט.

איינס נאר, עס קלאגן זיך אצינד די לייז:
עס איז רק נישט אויסצוהאלטן פון זיי,
די חשכות, דאס ווילדע שפרינגעניש —
אויף אונזערע קעפ די פארשייטע פליי.

2

צו שתי קאטקעס בחד ווארקע
מ׳קאן צוויי חד־בדראס פארגלייכן;
זיי בייסן זיך, צעגראטשן זיך,
גאנווער גיסט זיך גאנצע טייכן.

לסוף חצי שלי חצי שלך,
מ׳ווערט איינס און מ׳טוט זיך פארגלייכן — —
קוקט מען אן די צוויי קוני לעמעלס,
פון געלעכטער מען קאן קייכן.

דאס צווילינג־פנים פון דעם פארל — —
אויף דער וועלט דען דא א גלייכן?
דעם ריח־נחוח פוןביידע
ס׳דערשמעקט, ערשט ווען מ׳איז זיך מיכן.

* * *

די לבנה שטייט אין פענסטער,
פון כעס בלאס ווי פון ניקל;
זי קוקט א בייזע אויף מיר,
מיט א ברוגזן שיקל:

אז וויפיל נישט דיינע ווערטער,

אין גאלד־פאפירלעך וויקלען,
ס׳גיפטיקע זיסלעך־זשומענדיק
נישט אויפהערן צו ציקלען;

ביזגעלע איף בײדע זײטן,
נישט אויפהערן צו שיקלען,
מעגסט דו די זיסע לידלעך,
אין זויערן אײנפּיקלען.

* * *

טרויעריק קלאפט לבנה אין מײן פעסטער,
מיט חלום־פארגילדיקטן פינגער:
ביזט נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער,
אפגענארטער פארטרוימטער זינגער.

וויפיל נישט געזוכט דעם סוד פון לעבן,
א סך געמיינט ז׳האבן איך שוין געפינען —
ס׳איז די זון דער עמער פול מיט לעבן
די ערד — אוצר־צעפּונקלטער ברונען.

יעדן אוונט זי לאזט זיך טיף אראפ,
טרוים־ליכטיקייטן אויסצושעפן,
און זע, קעפ אונטער דער גיליאטינע,
וואס זי האלט כסדר אין איין קעפן.

* * *

א, ווען נישט מאמעדיקע לבנה׳ס פנים,
צווישן מולד ביזגעלע צום פארגיין,
וויאזוי ס׳וואלט אויסגעהאלטן ס׳מענטשן קינד,
מיט מענטשלעכן שכל קיום צו פארשטיין.

פונם אנהייב ווי געווינקן דער האקן,
ערשט ביי כלו כל הקינצן אצינד!
ווען נישט דאס קיילעכדיקע מאמע פנים,
וואס באווייזט זיך הימליש זי נדיקסטן קינד.

ערשט די שטערן די פינקלדיקע שטערן,
ווי ברידערלעך זיי רעדן צום געמיט — —
יא, ווי פאלטש, ווי ליגנעריש ס׳לעבן איז,
וואר אפשר אויפקלינגען דאך ס׳ווידוי־ליד.



1

איי בישטא ווער עס זאל לייענען?
כ׳זאל מיך אפשר זעצן וויינען?
צום גראם איך טרערן אויפשיינען.

אפשר נאך זיי נעמען קלאגן,
יתום־קדיש נאך זיי זאגן,
דעם קאפ אין דער וואנט זיך שלאגן?

2

ווילאנג מען קען נאך די געדאנקען, די געפילן
ווי לייצן פון אפאר פערד אין די הענט האלטן,
מילא, נאך אביסל, נאך א קאפ אויסגעהאלטן.

אבער אז ס׳האלט אזוי וויט גאנצער ארום דיר,
א ווילדער געשפאן, וואס מען קאן שוין נישט מער צוימען,
און דיין לעבן — א פלאנטער פון פארקנופטע טרוימען?

3

איז וואס נוצט ער נאך דער גאנצער נארישער עסק,
נאך א וואך, נאך א טאג, צו זען, צו דערלעבן,
ווי שפינען פארשפינען דיך און גאנץ ארומוועבן:

פון דיין איף פיצ־פיצעלעך צעבראכענעם לעבן
לעצטע טראפנס אי נגאנצן שוין ארויסגעזויגן
לייגן די לעצטע שארבעלעך איף דיינע אויגן?

* * *

מ׳ווערט אלט און פון זיך
רק מ׳האלט אין איין טראכטן;
איז נישט מער די וועלט,
זיך מען נעמט פאראכטן:

אז בלויז איך און איך!
גאנץ טראכטן און קלערן,
טא נישט בעסער שוין
אינגאנצן אויפהערן?

און אפשר דא ס־א,
ס׳איז דאס גוטע טאקע:
נישט מער און יע נעם,
אין זיך מ׳זעט די מכה.

דער גרעסטער קאשמאר:
תמיד איך דער זכאי!
און רק און דווקא,
יענער דער פאקראקע.

* * *

ס'גוטע וואס איינעם מ'טוט מען פארגעסט,
ס'שלעכטע נאר בלייבט אין זכרון;
איז טאקע גוט, אז מען ווערט אלט,
און דעם זכרון פארלארן.

און דאס געמלעכע מיט די אויגן!
איף דער עלטער קוים נאך זיי טויגן — —
מ'זעט דען דאס גוטע איינער פון צווייטן,
מען זעט דאך נאר די שלעכטקייטן.

* * *

1

נאך א טאג צי גאר שוין נאך א וואך,
אז בלייבן איך וועל דער זעלביקער דאך.

טא וואס שוין דער גרויסער חילוק מיר?
א טאג שפעטער צי גאר א טאג פריי'ר.

פון איגענעם לייב וועסט נישט ארויס — —
טא שוין בעסער וואס שנעלער און אויס!

2

. . . און צום סוף פון אלע „צילן" און „צוועקן",
אין ציטערדיקער האנט מ'נעמט דעם שטעקן.

מ'שפאנט לעצטע ארבע־אמות זיך דערשלעפן
צו דערגיין לעצטן לאבארינט פון טרעפן

מיט די־א לעצטע טאפנדיקע שפאנען
מ'דערגייט אלץ שויך וואס צו דעגיין פאראנען.

3

און אפצוקומען איז דא פארוואס,
פאר דעם און פאר יענעם און פאר דאס.

אם־כן, קאן עס ציען ווילאנג,
און אריינגעכאפט נאך א געזאנג.



און וואס לענגער אלץ בעסער דאך,
הפך בה ביז לעצטן נשמה־פאך.

* * *

ווי א גרויסער בר־דעת זיצט ער אויפן הויף,
אלצדינג טוט אים גרינטלעך אינטערעסירן;
זאל עמעץ־ווער זיך נאר א באוויז־געבן,
זיין בליק, זיין ניוך טוט אים שוין שפיאנירן.

אט דער הונט, פון קארידאר אויבן אראפ,
געטון טון מיין נבילה־ריח דערשפירן,
פון זיין געוואי, אויפגעריסן אויפן הויף,
אלע שכנישע פענסטער, אלע טירן.

פון מיין שטוב די טיר אויפצורייסן געמוזט
ברענגען א טוץ פאליציי־אפיצירן —
ווער קאן וויסן, האט נישט געקאנט דא־א
א מארד מיטן אלטן בחור פאסירן?

פעסטגעשטעלט אן עכטן, נאטירלעכן טויט,
וועט מען מיך וואס גיכער ארויספירן,
און דער סטרוזש פון הויף וועט ארויפקומען,
אויסקערן די צעווארפענע פאפירן.

ווער נאכגעגאנגען מיין ארון? דער הונט!
האט ער דאך מיין טויט געטון טון דערשפירן;
די הינקענדיקע טויב איף מיין הויף
זעלבן טאג נאך געמוזט, נעבעך, פארפרירן.

האב איך דאך מיט ביידע זיי אויפן הויף
מאנכע אוונט־שעהן געטון שפאצירן:
עפעס פעטינקעס אים צוגעווארפן,
מיט א זיס ברייזעלע איר טראקטירן.

געמיינט, נאך מיין ארון ז'וועט נאכוואקלען — —
נו, מילא, וואס עס קאן אלצדינג פאסירן!
דער הונט אבער ביז צום טויער געגאנגען,
נבילה־ריח געטון דאך ר'האט דערשפירן . .

ווער אים, נעבעך, נאכגיין דעמלט א,

ווען אײנזאַם אױף הױף דאָ ער װעט קראַפּירן?
זאָל אים כאַטש דאָס לידל געווידמעט זײַן —
אפשר יידישער גראַם אים נאָך אײַנטערעסירן.

## און דער סוף

. . . אַז איך אַליין נאָך דאָס לידל אָנגעשריבן,
דער בעסטער סימן דאָך אַז עס איז אַ ליגן;
אױסגעטראַכט, נישט געשטױגן און נישט געפלױגן,
פון פאַלשע טענער צונױפגעשטעלטער ניגון.

— געװען ס׳איז טאַקע אַ רעפּעטיציע בלױז,
װי טיף אין דער ערד אַ מענטש קאָן ליגן.

נישט גרינג ביז גאַנץ אױסגעלערנט די ראַלע טױט,
הונדערט און אײן מאָל אײן טאָג מ׳מוז קאָנען שטאַרבן!
די האָר װערן גרױ, אַ גרױסע גלאַצע מען קריגט,
דער שטערן װערט צעקנײטשט, פול מיט טיפע קאַרבן,

ביז פאַר װערעם, מײַז און ראַטן אַ פײַן נעסטל
ס׳װערט דער צעגריזשעטער, אױסגעהױלטער שאַרבן.

פון דער ערד מענטשעלע ביזט געקומען,
און צו איר צוריק דו מוזט װידער קערן;
װי נישט אױפן צװײטן, אױך נישט אױפן ערשטן,
ס׳לוינט נישט צו פאַרגיסן מענטשלעכע טרערן.

אױב יאַ שױן און װען צומאָל פאַלטשע, װױל די
ג׳שנירלעך פּערל אױפגעסילעט זײ װערן.

## פּ . ס .

פּ. ס., װערטער צװישן די פיר װענט,
מיט צײַן זיך אײַנגעביסן — —
דעם באַדײַט װער דאַרף װיסן,
חוץ ס׳אײגענע געװיסן.

בײַם לעבן? צי נאָכן טױט?
אין אוהל? אונטער אַ פּלױט?
ס׳איז דײַנע ד׳ אמות!



ס׳גײט אין איכות, נישט אין כמות.

און װער לײענען עס זאָל?
דו אַלײן מיט שטילסטן קול,
אַז קײנער זאָל נישט הערן,
אױפגעציטערט צו װערן.

קענסט דו נישט? בלײַב זיצן שטיל!
דאָס־אַ מײנט „דער לעצטער װיל״;
מיט פאַרשטאַרבענעם האַרץ הער,
און אין אױג נישט מער קײן טרער.

רױשט אַ בלאַט — איז עס פאַרדאַרט!
בלום בליט — פאַרשװיגן צאַרט — — —
ס שװײַגט אַ שװאַן אַ לעבן לאַנג,
גרײטנדיק זײַן לעצט געזאַנג.

* * *

אַז די ליבשאַפט און די פרײד,
קומט דורכן געבױרן;
מיטן טױט און די לײדן —
צװײטן צו באַדױערן.

איז דאָך גוט אַז די בײדע,
דאָך דאָ און פאַראַנען:
דאָס קומען אױף אונזער װעלט,
און דאָס גײן פון דאַנען.

דער אײביקער פאַרװאַנדל,
פון לעבן און שטאַרבן;
די אין־סופיקע גוטסקײט,
אומענדליך זיך אַרבן.

## ש ל ו ס - א ק א ר ד

װען דער גוף באַגראָבן אין גרוב,
טאַ װוּ בלײַבט איבער דער שטאָן?
נשמה בגנזי מרומים״!
װוּ באַזעסענער פון שטן?

א גילגול איבער גלגל־ערד,
ארום ער שטורעמט מיט ווינטן,
אין וועם אריין — — דור־דורות
ס'דויערט, ביזגל ער געפינטן.

סעם גאלדבערג

## יצחק פערלאף — דער נס - מענטש

צו ריידן וועגן יצחק פערלאף מוז איך אנהייבן פון „מה טובו“, אזוי, ווי א גוטער ייד הייבט אן דאווענען.

דאס איז געווען אין יאר 1929, ווען איך האב געשפילט אין ווארשע, אין צענטראל־טעאטער אויף זאמענהאף־גאס נומער 9. געשפילט האבן מיר „א הארץ וואס בענקט“, מיט דער קאניעווסקא און ברייטמאן און א סטאר־טרופע. יעדן טאג נאך פראבע זיינען מיר ארויפגעגאנגען אין ארטיסטן־פאריין אויף לעשנע נומער 2. דארט האט מען געקענט טרעפן אלע אקטיארן, סטארס, שרייבער, חזנים, מאלער, סקולפטארן; דארט האט איר געקענט טרעפן קינס־טלער פון דער גאנצער וועלט, ווען זיי זיינען נאר געקומען קיין ווארשע.

דער ארטיסטן־פאריין איז געווען אויפן דריטן שטאק ארויפצוגיין — גאנץ הייכע טרעפן. יעדער שטאק טרעפן איז געווען אזוי ווי דא דריי שטאק. שוין אויפן ערשטן שטאק האט איר געהערט די געוואלדן געשרייען, זינגען און נאך פארשידענע מורמורייען. דער זאאל איז געווען פול מיט רויך פון די ציגארעטן. אויבנאן איז געווען א פאדיום מיט א פיאנא צו מאכן פראבע; דאס הייסט אן עקזאמען פראקטיש און פעדאגאגיש . . . כדי צו ווערן א מיטגליד.

אין יעדן ווינקעלע איז געשטאנען א קופקעלע אקטיארן, דערציילט וועגן זייער גרויסקייט, פון נייע ראלן און פיעסעס. א צווייט קופקעלע האט פרובירט נייע קופלעטן, לידער, דועטן, א דריט קופקעלע האבן זיך דערציילט וויצן, אין אלץ אויף א הויכן אופן. איינער האט איבערגעשריגן דעם צווייטן.

ביי די טישלעך האט מען געשפילט דאמינע אדער גאר א קערטל.

די בארימעריי איינער פארן צווייטן איז געווען גאר גרויס. איך האב נאך ליגן פיר און אכציק זעק, פול אנגעפאקט מיט בארימערייען, אבער פארקויפן קען איך זיי נישט!

ביים אריינגאנג אין פאריין איז געווען א בופעט, פול מיט ברויט און הערינג און טיי מיט לימענע און נאך קלייניקייטן — אן אמתער יארמארק.

אין דער סומאטאכע איז פלוצים אריינגעקומען א יונגערמאן א שיינער, א הויכער, מיט א שווארצן קאפ־האר, גלאטיק אריבערגעקעמט. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר ווי א פרעמדע טויב, וואס קוקט זיך ארום צי מען גייט זי נישט כאפן. דאס געפילדער האט אים צעטומלט, ער האט נישט געוואוסט וואס צו טאן פריער. עס האט גענומען אפאר מינוט און ער איז



געווארן היימלעכער, און מיר האבן זיך באקענט.

— דאס בין איך יצחק פערלאף, א יידישער שרייבער.

— זער אנגענעם.

— איך ווארט דא אויף מיין כלה, לאלא פאלמאן, די פאלקס־זינגערין.

איך שרייב פאר איר דעם גאנצן רעפערטואר. „דער קאשטאן־בוים“, וואס איר האט נעכטן געזונגען אין טעאטער, איז אויך מיין. נאר מיין לאלא זינגט עס אנדערש.

און מיר האבן אים אריינגענומען אין קרענצל אריין. מיר אלע האבן זיך מיט אים געפריידט — „אן אייגענער יאט“. אזוי האט ער שוין יעדן טאג ארויפגעקלעטערט אויפן דריטן שטאק אין ארטיסטן־פאריין אריין. עס איז געווען זער היימלעך.

איינמאל, אז איר האט דערזעען די חברה אקטיארן און שרייבער, זענט איר שוין געווען צוגעצויגן צו זיי ווי מיט א מאגנעט.

שפעטער איז לאלא פאלמאן געווארן זיין ווייב און זיי זיינען ארומ־געפארן איבעראל. זי איז געווען א גאר פיינע, טאלענטירטע פאלקס־זינגערין. עס האט מיט איר געקלונגען גאנץ פוילן.

דער מענטש טראכט און ג׳אט לאכט. וואס האט מיט זיי פאסירט איך וועל ציטירן פון דעם בוך „מיינע זיבן גוטע יאר“: ביי מיליאנערן הייבן זיך אן די זיבן גוטע יאר פון קינדהייט אן, אבער יצחק פערלאפס זיבן גוטע יארן האבן זיך אנגעהויבן זער שפעט אין דער נאכט, וואו עס שיינט נאך אריין א קליין ליכטעלע פון לעבן. אבער וואס יצחק פערלאף האט צווישן אנדערע ביכער אנגעשריבן האב איך א ביסל געוואוסט פון הערן, נאר דאס בוך פון דער אלדגייט־לייברערי האט מיר דערציילט זייער גאנצע דורכ־לעבונג אין דער מלחמה און אין רוסלאנד ווי אויך אויף דער בארימטער שיף „עקזאדוס“, וואס איז געבליבן שטיין ביי די ברעגן פון ציפערן לעבן א גרויסן קאנצענטראציע־לאגער, וואו די ענגלישע רעגירונג האט דארט געהאט די מאכט. דער הויפט־גענעראל אויספירער פון דעם רעגירונגס־געזעץ איז געווען דער ענגלישער גענעראל סאטהערלאנד, א פיינער, איידעלער מענטש, א סימפאטישער טיפ פון א מיליטערמאן.

צעריסן צווישן געהארכזאמקייט פאר זיין רעגירונג און באדויערן אויס־צופירן גרויזאמע באפעלן קעגן דער שיף „עקזאדוס“, מיט אירע צוויי טויזנט ארעמע און קראנקע יידן, פרויען און קינדער; אן עסן, אן טרינקען, פיל קראנקע פון צרות און שרעק, פאלגט ער זיין געוויסן און זאגט זיך אפ פון פאסטן. דאס איז געווען אין יאר 1947. מיט זיין פאסיווער רעזיסטאנץ צווינגט ער די ענגלישע רעגירונג נאכצוגעבן די יידן און לאזן די שיף „עקזאדוס“ פארלאזן דעם האפן פון ציפערן אויף איר הייליקן וועג קיין ארץ־ישראל.

## מיטן וואגן רייז איבער הונגעריקע סטעפעס

דאס צוגעזאגטע פעקעלע פון ארץ־ישראל איז אנגעקומען און מיר האבן געהאט זאטע און פריילעכע טעג. אין פעקעלע איז געווען א מענער־סוועטער און אפאר דאמען־שיך, א וואלענער מענער־שאליקל און א זיידן דאמען קאפ־טיכל, איין האנטוך, צוויי שטיקער וואש־זייף, פיר קלעצלעך פאדעם און זעקס קאווערטלעך נאדלען; צוזאמען א גאנצער מאגאזין.

דאס קאפ־טיכל איז געווען אזוי שיין, אז לאלא האט זיך נישט געקאנט דערמיט צעשיידן. עס איז אבער געווען גענוג גרויס, אז זי זאל עס קענען צעשניידן אויף דער העלפט — איין העלפט האט זי זיך אנגעטון אויפן קאפ און די אנדערע העלפט פארביטן אויף אנדערטהאלבן קילא ברויט. אויך די שטיקער זייף האבן מיר פארקויפט מיט הארצווייטאק.

גיי שפיל זיך מיט סענטימענטן ווען דער מאגן שפילט א מארש. מיר האבן דערפאר איינגעהאנדלט אנדערטהאלבן קילא שווארץ מעל און איין קילא שיטער קעמל־פלייש מיט א טרוקענעם ביין אלס צולאג. מיטן האלבן טיכל אויפן קאפ איז זי געשטאנען אינמיטן באזאר ווי אמאל אויף דער בינע פון ווארשעווער נאוואשטשי־טעאטער און געזונגען מיט א קלינגענדיקן מעצא־סאפראנא איגאלאטשגו זאגראניטשניע, זאלאטיע אטשקי, נאדעלעך אויסלענדישע קויפט. און די פויערטעס האבן זיך געקליבן ארום איר און געפינטלט מיט די אויגן ווי הינער, וואס טרינקען וואסער און לייגן אן איי. נאדעלעך מיט גאלד גאר. אויסלאנד איז משוגע געווארן. דאס לאנד האט געמוזט אראפ פון זינען, נישט אנדערש . . .

איך האב געקריגן א פולמאכט פון דער סאמארקאנדער דעלעגאטור, אז מען זאל מיך מקרב זיין און אנטקעגנקומען מיין בקשה אלס א קאנוואיענט. איך בין ארויסגעפארן מיט א וואגן רייז קיין סאמארקאנד, וואו מיט א פראכט־צוג דארף איך זיך שלעפן דורך די זאמדיקע, צעגליטע מדבריות מינימום דריי מעת־לעת. האב איך מיטגענומען א נאפט־מאשינקע, א טשייניק, א טאפ, אביסל בוימל און זאלץ. קיין רייז פעלט מיר נישט, וועל איך קאכן זופן, טיי און זיך לאזן וואוילגיין. דער ארויספאר איז געווען א היימלעכער. איך האב געהאט נאך דריי קאנוואיענטן, ווארשעווער בחורים. זיי האבן געפירט וואגא־נען מעל, וועש און שיך קיין מאכי און טשארדזשוי. מיר האבן כסדר אריבער־געשריגן איינער צום צווייטן: „העי, לאנגער לאקש", רופט מיך איינער, „וואס ביסטו געווען אין דיין ערשטן גלגול?" „א באטשאן", שריי איך צוריק. „דאס ביסטו היינט אויך. איך מיין וואס ביסטו געווען אין פוילן? הער זיך אויף צו חכמענען. מען פרעגט דיך ערנסט. וואס האסטו געטון, געשריבן לידער צום זינגען?" „יא, צום זינגען אויך". „פריער האסטו געזונגען, איצטער טאנץ!" „אוי, טאנץ איך, אוי טאנץ איך. אדאנק דעם טאווארישטש סטאלין פאר אונזער לעבן דעם גליקלעכן!"

מיינע שכנים האבן געהאט פארמאכטע וואגאנען מיט דעכער. מיין



וואגאן איז געווען אן אפענער לאסט־וואגאן. האב איך זיך געמאכט א באַ־קוועמען פלאץ צווישן די זעק רייז מיטן ווייכסטן זעקל צוקאפנס. דאס זעקל האט געהאט א געפלאצטע נאנט, האב איך באשלאסן צו ציען פון דארט מיין חיונה. אלץ איז געווען גוט, נאר די זון האט מיך פארשרפהט און פאס־מאליעט. איך האב זיך מיטגענומען אפאר ליידיקע זעק און אויסגעמייסטערט א לייטיש דעכל, אבער ווי נאר דער צוג האט גערירט, האט עס דער מדבר־ווינט אראפגעריסן מיט א חוזקדיק געלעכטער און פארטראגן עס איבער די בערג קיין פערסיען . . .

באלד ווי מען פארט נאר ארויס פון אשכאבאט זיינען די מדבריות קארא־קום און קוזול־קום, וואס ציען זיך פון קאספישן ים ביז צו די קאזאכסטאנער סטעפעס. די זון האט מיך באלד א פאק געטון און גענומען פרעגלען. איינער א רעצענזענט האט אמאל געשריבן, אז מיין טאלענט איז נאך רוי . . . אבער אפבאקן אים אונטער דער טורקמענישער זון האב איך קיין חשק נישט. צו קריגן א זון־שלאק. בין איך געשטאנען א נאקעטער אויף א בארג רייז־זעק מיט א שטיקל זאק אנשטאט א פייגנבוים, ווי א ווילדער בעדואינער. עס האט מיר בלויז געפעלט א מעסער צווישן די ציינער און א שפיז אין דער האנט, אז איך זאל אויסזען ווי א ריין־ראסיקער מענטשנפרעסער. דער ווינט פאטשט דיין נאקעט לייב מיט הייסן שטויב און צעגליטן זאמד, וואס שטעכן ווי בינען און זלידנע אינזעקטן. עס גייט א ברי און א שטאך, אז איך שפרינג אזש אונטער און שריי, „טורקמעניע, קיין לייטישער מענטש זאל דיך נישט קענען ! ! !". . .

שפעטער האבן מיר זיך אלע צעשיידט — איינער איז געפארן דא און איינער דארטן. איך בין געפארן קיין קראקא, לעמבערג און אין אלע קליינע שטעט און שטעטלעך פון פוילן ביז איך בין אנגאזשירט געווארן קיין ווילנע; און דערנאך קיין בעלגיען, פראנקרייך, ענגלאנד און אמעריקע.

זינט דעמלט האב איך שוין דעם צארטן יונגערמאן מיטן שווארצן קאפ האר נישט געזען, אויך נישט זיין איצטיקע פרוי ביז איך בין געקומען קיין אמעריקע נאך דעם גאנצן שטורעמדיקן און פייער־ברענענדיקן לעבן.

אין 1951 האב איך זיי ווידער געטראפן אין אונזער אמעריקאנער ארטיס־טן־פאריין, וואו זיי זיינען אויך געווארן מיטגלידער.

מיר האבן זיך זייער געפריידט, און זי איז באלד אויפגעטראטן אויף מיין פאלקס־פארשטעלונג מיט גרויס דערפאלג; און אזוי יעדעס מאל ווען איך קום קיין ניו־יארק.

## אין אשכאבאט — „סיאמקע איז א ווילנער באלעבעסל"

זיינע אוניווערזיטעטן האט ער אדורכגעמאכט הינטער די קוליסן אין דארטיקן יידישן טעאטער. ער ווייסט פון א שעקספיר, גאלדפאדן, גארדאן און אורקע נאכאלניק. מיר וואגלען, הונגערן, קרענקען און ארבעטן צוזאמען

אין רוסיישן דראמאטישן טעאטער „פושקין". סיאמקע איז דער בינע־לייטער און איך בין אייך לייטער פון מעבל צעך. אין דער אמתן איז אזא צעך גאר־נישט דא, און איך האב נישט מיט וועמען און מיט וואס צו לייטן. מען האט אונז איינגעשריבן בלויז דערפאר, כדי מיר זאלן קריגן צו פינף הונדערט רובל א חודש געהאלט מיט צען דעקא ברויט א טאג מער, אז מיר זאלן זיין בראנירט, דאס הייסט מען זאל אונז נישט קענען מאביליזירן אין דער ארמיי אריין. הייס איך היינט טאוואַרישטש מעבעלטשיק . . . מיין ארבעט באשטייט אין באשטעלן די בענקלעך מיט געהעריק מעבל . . .

געוויינלעך איז מעבל אויף דער בינע פון דיקטורע, אבער איך שלימזל האב זיך גענומען צו דעם פאך אין רוסלאנד אין מלחמה־צייט דערצו, ווען מען קריגט נישט קיין דיקטן, נאר מען נעמט אמתע שטובן־מעבל. שלעפ איך אויף מיינע דארע פלייצעס מאסיווע טישן, דעמבענע שאפעס, קרעדענצן, בופעטן, קאנאפעס און שרייבטישן. ווען עס קומט מיר אויס ארויפצושלעפן אויף דער בינע דעם אלטן פארטעפיאן, וואס וועגט נישט ווייניקער ווי צוויי טאן, העלפן מיר די ארבעטער צו; און מיטן איבריקן שלאג זיך קאפ אין וואנט.

ביטער איז מיר אויך ווען מען שפילט „אננא קארענינא". אין דער סצענע פון די פערד־געיעגן פארלאנגט דער רעזשיסאר עס זאלן אויסגע־שטעלט ווערן אויף דער בינע הונדערט און צוואנציק בענקלעך. מוז איך זיי צוזאמענשלעפן פון אלע טעאטער־לאזשעס. די שטולן זיינען דעמבענע, איין שטול וועגט א פוד, און איך אליין בין א הונגעריקער, אן אויסגעליידיק־טער ווי א פראסטער באמבוס־שטעקן. מיר ציטערן די קניען, עס שווינדלט מיר אין קאפ, און די דלאניעס זיינען מיר אזוי אנגעשוואלן מיט וואסער־קישעלעך, אז איך קאן די פינגער נישט איינבויגן און קיין פויסט. איך שלעפ די שווערע שטולן פון די לאזשעס, און די בילעטיארן לויפן מיר נאך, זידלען מיך און שלעפן צוריק די שטולן פון דער בינע אראפ . . .

איך שלעפ ביי זיי און זיי שלעפן ביי מיר. דעריבער קומט מיר אויס, אז אנשטאט הונדערט און צוואנציק שטולן, שלעפ איך דריי הונדערט. יעדער קעמפט פאר זיין עקזיסטענץ.

אין דעקאראציע־סקלאד זיינען תמיד געשטאנען צוויי ריזיקע פיגורן פון לענינען און סטאלינען, יעדע פיגור האט געהאלטן דריי מעטער די הויך, און כאטש זיי זיינען נישט געווען פון גיפס אדער ליים און אודאי נישט פון בראנז־געגאסן, נאר געקלעפטע פון פאפיר, זיינען זיי געווען שווער ווי בלאקן פון צעמענט. גענוצט האט מען זיי צו יעדער צווייטער פארשטעלונג. יעדעס מאל, ווען מען האט זיי געדארפט ארויפשלעפן אויף דער בינע, איז אונז געזעצט געווארן דער מאמעס מילך. טאמער געשעט אן אומגליק און „סטאלין" גיט זיך, חלילה, א גליטש ארויס פון אונזערע הענט, וואלטן מיר זיך שוין פון זיינע הענט נישט ארויסגעגליטשט. און טאמער, חלילה, פאל איך אים צוזאמען מיטן פאטערל פון די פעלקער וואלט איך זיך שוין פאר־



שפארט אויפצוהייבן. ווען דער געניאלער, ליכטיקער, נביאישער קאפ פון גרויסן, זוניקן חבר סטאלין קריגט א בייל אויפן שטערן, א צעקלאפטע נאז אדער א צעפלאטשיקטע וואנסע, וואלט שוין סיביר געווען פאר אונז א דאטשע. און אפשר וואלט מען אזעלכע שונאים פון פאלק און פאשיסטישע הינט ווי מיר באלד געשטעלט צום ווענטל . . . דערוויל האבן מיר נישט קיין ברירה און מיר שלעפן אונזערע לערער, פירער, באפרייער און פאטער־לעכע באשיצער . . .

פיל שעהן כישוף, פיל שעהן פון אטמאספערע און העלדישקייט און פיין און טייוולאנישקייט ווען איך האב געלייענט דאס בוך פון יצחק פערלאף, „מיינע זיבן גוטע יאר". איך בין געלעגן אויף מיין בעט ווי פארכאפט, אז איך האב פארגעסן, אז אין דרויסן איז א גאס און מענטשן גייען אן מיט טאג־טעגלעכן לעבן. געשלונגען און איינגעזאפט אין זיך די אטמאספערע פון דעם בוך. ס׳איז רייך און טרויעריק און טריומפירנדיק פון די פארשידענע געשעענישן. ער האט אנגעשריבן אן אומגעהויערן דאקומענט, נישט בלויז אלס שרייבער נאר אויך אלס עקשנותדיקער העלד. דאס אדורכמאכן מוז מען זיין פון אייזן, מיט א שטארקן נישט־מוראדיקן ווילן און ריזיקירן זיין אייגן לעבן יעדע מינוט.

דער אידעלער, שטילער יונגערמאן, וואס האט זיך נישט געטרויט ארויסצורעדן א ווארט צווישן אקטיארן, האט זיך שפעטער ארויסגעוויזן פאר אן אייזערנעם מענטש אן מורא. אזוי איז עס אין לעבן. ווען א מענטש זעט, אז ער איז מער גארנישט ווערט און איז דעספעראט — נישט געגעסן, נישט געטרונקען, נישט געהאט קיין העמד אויפן לייב, נישט געהאט צו וועמען זיך צו ווענדן וועגן הילף — דעמלט ווערט דער מענטש א חיה, א העלד, וואס קען ברעכן אייזן. זיינע געדאנקען טראכטן נישט מער פון קולטור, שרייבן, מאראל־פרעדיקן, נאר פון ראטעווען זיין אייגן לעבן. ער האט אלץ ריזי־קירט פארן קאמף צו בלייבן לעבן . . .

די מעטאמארפאזע פון נישט גלויביקייט, וואס דער מענטש קען אלץ אדורכמאכן, אנטפלעקט זיך פאר אייך אזוי ווי א נס און די געפערלעכע צייט פון געפאר און קאמף צו בלייבן לעבן.

און דאס זיינען „די זיבן גוטע יאר".

זייער איינציקער זון איז פארהייראט און האט שוין צוויי קינדערלעך.

דער זון ארבעט אין „פארווערטס" אלס זעצער פון דער צייטונג. יצחק פערלאף איז דער רעדאקטאר פון דער טעאטער־זייט, און איצט שרייבט ער א גרויסן ראמאן אונטערן נאמען „מיין טאטנס פארטרעט".

און אזוי האב איך אייך ערלעך איבערגעגעבן וואס איך האב געזעען און געלייענט מיט מיינע אייגענע אויגן פון דעם קינסטלער פארל יצחק פערלאף און לאלא פאלמאן.

אברהם זאק

## צו ישראל

עס קלאפט דאס יידישע ווארט אין דיין טויער:
— עפן מיר, לאז אריין!
איך קום מיט שבתים, מיט ימים־טובים.
כ׳קום מיט פרייד און מיטן פיין.

איך קום מיט ניגונים אלטע פון דורות,
מיט קדושה און מיט וואך;
מיט וויגליד פון גוטע יידישע מאמעס,
מיט שמחה און מיט בראך.

איך קום מיט לידער פון ראזשינקעס־מאנדלען,
מיט פלאפל פונעם קינד;
איך קום מיט ברכות, מיט מאמעשע תחינות,
מיט „ווי איז מיר און ווינד".

איך קום מיט די טרערן פון מיידאנעק,
מיט זיפץ פון אשוויענטשים — —
מיט רוף דורך שריפות, דורך געטאס אין פלאמען:
„ווער זשע פארנעמט אונזער שטים?"...

איך קום דורך די פלאמען, כ׳קום דורך רויכן,
כ׳קום דורך אש און דורך שטויב.
איך קום מיטן אלטן שמע־ישראל,
מיט רום פון אויפשטאנד, מיט לויב — —

עס קלאפט דאס יידישע ווארט אין דיין טויער — —

פון זיין נייעם בוך איצט ארויסגעגעבן „פון אלע מיינע יארן"

מלך ראוויטש

## פון „דאס מעשה־בוך פון מיין לעבן"*

און אט איז שבת, ערשטער יולי 1950, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל האב איך א קורצע ווייל פארבראכט אין לאנדאן. און עפעס האב איך יא און נישט געוווסט, אז אין לאנדאן געפינט זיך דארא דיאמאנט. איך האב



אפילו מיט איר אין די לעצטע יארן איבערגעביטן א בריוו אדער צוויי, זי האט זיך נאכגעפרעגט ביי מיר אויף באקאנטע. זי האט אין די יארן דורכגעמאכט שבעה מדורי גיהנום—זי האט געפרוווט איר מזל ביי טעאטער. זי האט געוואנדערט, געווען יארן אין רוסלאנד. חתונה געהאט. האט א טאכטער פון איר צווייטן מאן. עס גייט איר ביטער אין געזונט און פונקט אזוי ביטער אין דער פרנסה זי ארבעט פיזיש כדי זיך צו האלטן איבערן וואסער.

קומט פאר א ליטערארישער צונויפקום אין א שבת נאכמיטאג אין א יידישן צענטער, אין שאטן פון אמאליקן יידישן ווייטשעפל־געגנט. די צונויפקומען פירט אן דער דיכטער א. נ. שטענצל. די אודיטאריע באשטייט פון א מאן זעכציק און זייער אלעמענס סך־הכל־עלטער איז זיכער נישט ווייניקער ווי דער עלטער פון דער וועלט לויט דער יידישער מסורה...

א ביסל רעדט מען וועגן מיר און א ביסל רעד איך וועגן יידן אין קאנאדע און א ביסל רעציטירט מען מיינע לידער. און דער צונויפקום דארף זיך שוין באלד ענדיקן. קומט צו צו דער עסטראדע א נישט־הויכע דיקלעכע פרוי. איר פנים האט נישט קיין שום קאליר, נאר דעם בלאסן קאליר פון דער בויט. איר שטים האט נישט קיין שום קלאנג און נאר דעם קלאנג פון דער דערשלאגענער שטילקייט פון דער מאכטלאזער ארעמקייט און פיין. און די פרוי פרעגט מיך צי איך דערקען זי. די יארן פליען אזוי שנעל, אז אט ערשט האבן מיר זיך דאך געזען אין... טאמאשאוו. אין טאמאשאוו האב איך געהאט א סך באקאנטע—ווי קען איך געדענקען און דערקענען... און די פרוי זאגט מיר איר נאמען:

— איך בין דאך דארא דיאמאנט, די געוועזענע פרוי פון פראנץ קאפקא — — איצט דערקענט איר שוין?

יא, איך האב צו גוט געדענקט, אז דארא דיאמאנט איז „די פרוי פון פראנץ קאפקא" — —

זי בעט ביי מיר דערלויבעניש איבערצולייענען פארן עולם א ליד מיינס. איך רעד אפ צו ביסלעך. ערשטנס זענען מיינע לידער שווער צום רעציטירן און צווייטנס הייבט זיך שוין אן דער עולם צו צעגיין. זי זאגט מיר, אז איר אינטערעסירט נישט דער עולם. זי וויל דאס ליד לייענען פאר זיך און פאר דעם מחבר. און אז דער עולם וויל זיך צעגיין—זאל ער. אוודאי האב איך מסכים געווען.

זי האט געזאגט, אז זי וויל לייענען דאס ליד „והיה באחרית הימים". לאנגזאם און מיט א הייזעריקער שטים האט זי געלייענט. שטיל, זייער שטיל, און הויך, זייער הויך—אין איינעם געגאנגען פון סטראף צו סטראף. פונעם ערשטן:

אני מאמין — יידיש פאלק, איך גלייב אין דיין שליחות,
פונקט ווי כ׳גלייב, אז כ׳בין א זון פון הינדע בת־בלימע מיין מאמען.
אני מאמין — כאטש צעקריגט בין איך כמעט מיט אלע דרייצן

אני מאמינס פון דעם מוח, דעם אייזערנעם און שפיציקן פון רמב״מען.
ביזן לעצטן:

און דאס ערשטע ווארט אין אט די נייע לוחות — לעצטע לוחות,
אין בלוט אין יידישן געוואשן און געלייטערט,
וועט אויך אנכי זיין. נאר — נישט השם —
אדם — וועט דארט זיין דאס ווארט, דאס צווייטע.

און אויב עס האט ווען עס איז ווער עס איז נישט נאר געלייענט אדער רעציטירט מיינס א ליד, נאר עס ארויסגעריסן מיט שטיקער נשמה פון טיפסטן געמיט ארויס, איז דאס דעמאלט געווען, און אויב עס האט ווען עס איז, ווער עס איז געגעבן א תיקון מיינס א ליד איז עס געווען אין יענעם שבת נאכמיטאג אין דעם לייענען פון דארא דיאמאנט, דער „פראו פאן פראנץ קאפקא", צווישן די זעכציק זקנים. זי איז אריינגעדרונגען אין דעם ליד אין יעדן ווארט באזונדער און פון יעדן ווארט באזונדער איז אין איר דעקלאמירן פון אויסנווייניק דאס גאנצע ליד אפירגעקומען.

פארוואס זי האט גראד דאס ליד געלייענט — ווייס איך נישט.

זי האט מיר נאך דער לעקציע פארגעשטעלט איר טאכטער און זי איז שווייגנדיק מיטגעגאנגען מיט אונז א שטיק וועגס איבער לאנדאנער צעשטערטן ווייטשעפל ביז זי איז מיט איר טאכטער אריין אין א אונטערגרונט־באנסטאנציע. איך האב געדארפט גיין צו אן אנדער סטאנציע — האבן מיר זיך געזעגנט.

צו מארגנס בין איך אוועק פון לאנדאן קיין ארץ־ישראל.

א צייט שפעטער האב איך אין מאנטרעאל באקומען ידיעות פון לאנדאן, אז דארא דיאמאנט איז שווער קראנק — ראק. און לאנג האט עס נישט געדויערט — עטלעכע יאר — זי איז געווען טויט. דא און דארט זענען דערשינען נאטיצן אין צייטונגען.

איר בלאסער שאטן שאטנט אין אלע לעצטע ווערק פון פראנץ קאפקא.

איר שטילע קלאנגלאזע שטים וויברירט אין דער אנגסטיקער שטילקייט פון א סך פון די ווערק פון פראנץ קאפקא נאך איידער ער האט זי געקענט אפילו.

צוויי מאל האב איך זי אין לעבן באגעגנט — איין מאל אין יאר 1925 אין טאמאשאוו. א צווייט מאל אין יאר 1950 אין לאנדאן.

נאך היינט הער איך דייטלעך דעם טאנלאזן טאן פון יאר 1925:
„איך בין יא די פראו פאן פראנץ קאפקא"— —

און א פערטל יארהונדערט שפעטער — ווערטער אין אלע זייערע טענער:

און דאס ערשט ווארט אין אט די נייע לוחות — לעצטע לוחות,
אין בלוט אין יידישן געוואשן און געלייטערט,



וועט אויך אנכי זיין. נאר — נישט השם —
אדם — וועט דארט זיין דאס ווארט, דאס צווייטע.
* פרץ־פערלאג ישראל תשל״ו.

## א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס

אזוי ווי די טעמע איז דערפאר צו גרויס,
וועט מען זיך באגניגענען מיט דעם־א בלויז;
מיט א ביסל פון ביסעלע אט־א דא,
און זאל עס זיין אין א מזלדיקער שעה.

* * *

## „אקמצא ובר-קמצא חרוב ירושלים"

אויב איבער א האן מיט א הון,
איבער אן אקס מיט א וואגן
חרוב ונחרב געווארן — — —
קאן מען איצט איבער „א בענקל"
ישראל חלילה נאך באקלאגן.

מילא אז די צוויי שטיף ראביס,
נישט שווה בשווה זיינען,
איז עס א וויץ אבער אז דער
גלאוונער פרעמיער מיט זיין וויצע — — —
ווילט זיך נישט לאכן נאר וויינען.

* * *

„איבער קמצאן און בר קמצאן, די צוויי,
ירושלים אונטער געגאנגען".
פרעגט דער הייליקער קאצקער א קשיא:
וואסער חטא איז קמצא דא באגאנגען,
אז זיין נאמען הערביי מ׳זאל דערמאנען?

ענטפערט ער: מאכט דיין פריינט א חתונה,
ווארט נישט מען זאל נאך דיר שליחים שיקן!
וואלסט דו געווען דארטן אויף דער שמחה,
צום גאנצן סיכסוך ס׳וואלט נישט געקומען — —
כבוד — דער קוואל פון אלע אומגליקן!

* * *

אויב איבער שנאת־חנם,
ירושלים צעשטערט,

טיף אין גלות געטריבן,
איבער ווייטער גארער ערד.

צוריק אהיים מיר קומען,
צו דער מאמע ערד אצינד,
ווייל געבענקט צו איר מען האט,
ווי צו א מאמען א קינד.

דערפאר דער הר־המוריה,
דאס הייליקסטע ארט אויף דער ערד:
„אל תשלח ידך אל הנער״,
עס האט דארטן דער מענטש דערהערט.

אצינט דער הר־המוריה,
אז צו אונז ווידער ער געהערט,
דער עדות־בערג וועט ער איצט זיין —
מלחמות אויף אייביק אויפהערט!

איייזיק גאלדבערג

## — מיין ווייבל —

(סאטיריש)

(געווידמעט מיין ליבע פרוי, צביה — צו זינגען מיט
דער מעלאדיע — איך האב געליבט א מיידעלע)

איך האב געליבט א מיידעלע,
א מיידעלע, א שיינס.
געווארן איז זי, מיין ווייבעלע
א ווייבעלע א פיינס.

ווייל און פיין און חינ׳עוודיק
איז זי, נאך אצינד,
נאר איין פעלער האט זי,
וואס זי האלט מיך, ווי א קינד.

אירע דאגות, זענען גרויס,
בייטאג און אויך ביינאכט,
אין הויז אין יעדן ווינקעלע,
זאלן בלומען זיין, א סך.
א בעל־הבית׳טע איז זי



איז די ליבע פון צוויי.

דורך פייער און וואסער,
דורך יאוש און גליק,
צוזאמען פארפלאכטן,
מיט גאלדענע שטריק.

וואס קאן מען מער ווונטשן,
אזא גליקלעך פאר,
אז די ליבע זאל וואקסן,
מיט יעטוועדער יאר!

מיט אלע מעלות גאר
קאכן, באקן, קאן זי,
אויף מיר שוין, אזא יאר!

וויסן וויל זי, וואס ס׳זיך טוט,
אויף דער גאנצער וועלט,
דאך, איר מאן און הויזגעזונט
איז איר, טייערער נאך ווי געלט.

אזוי לעבן מיר, א לעבן לאנג,
און זיך געעלטערט,ביידע,
מיט נחת, ווי עס ווונטשן זיך,
א באבע מיט א זיידע!. . .

## — א באגריסונג פאר אייזיק גאלדבערג —

איך שיק מיין ווארמע באגריסונג און בעסטע ווונטשן צו דעם יובל פון חבר אייזיק גאלדבערג. איך ווונטש איך חבר אייזיק גאלדבערג, נאך לאנגע שאפערישע יארן און אסך געזונטע נחת׳דיקע דערגרייכונגען צוזאמען מיט אייער שיינע און ליבע פרוי צביה:

איך באגריס אויך ביי דער געלעגנהייט, חבר א. נ. שטענצל, פאר אלעם וואס ער האט געשאפן און אויפגעטאן פאר יידיש, פאר קונסט און ליטעראטור. מיט זיינע מיטמענטשן, איך ווונטש די — ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס — א לאנג לעבן, און גרויסע דערגרייכונגען:

איך אנערקאן ליבע און באווונדערונג צו אלע די פארזאמלטע וואס זענען געקומען צו דער שמחה פון חבר אייזיק גאלדבערג:

שלום און ברידערלעכקייט, פרייהייט און פרייד צו אלע פריינט פון יידיש לשון.

נ. מ. סידא

## — אייזיק גאלדבערג׳ס יובל —

שבת, דעם 20סטן מאַרץ, 1976, האָט מען געווידמעט דעם „ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָג״ דעם רעציטאַטאָר אייזיק גאָלבערג, צום יובל זיינעם, אַלט־ווערנדיק אַכציק יאָר.

דעם פאַרזיץ ווי געוויינלעך האָט געפירט א. נ. שטענצל. ער האָט אָנגעוויזן ווי מיט זיבן און דרייסיק יאָר צוריק, איז אייזיק גאָלדבערגן מיט זיין פרוי אָנגעקומען — טאַכטער געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען פונעם היטלער־גהנום אין סאַמע לעצטן טאָג פאַר דער מלחמה.

באַלד נאָכן אָנקומען קיין לאָנדאָן, האָט ער זיך דערוויסט פון דער יידישער פרעסע דאָ, אַז עס פולסירט אַ יידיש קולטור־לעבן אין ווייטשעפּל בכלל און וועגן די „יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס״, בפרט. פון דאַמאָלס אָן באַטייליקט זיך אייזיק גאָלדבערג אין די פּראָגראַמען, רעציטירענדיק פון כמעט אַלע יידישע שרייבער און קלאַסיקער, אָפטמאָל שרייבט ער אַליין אַן אַרטיקל אָדער אַ ליד מען מוז אויך געדענקען אַז ער איז געווען איינער פון די מיטגרינדערן פונעם „פריינט פון יידיש לשון״.

געבוירן און דערצויגן געוואָרן איז אייזיק גאָלדבערג אין דער גרויסער יידישער שטאָט לאָדזש — אַן עיר ואם בישראל. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך באַזעצט אין בערלין, דייטשלאַנד, דאָרט שוין האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אין יידישן קולטור־לעבן.

היות איך האָב אים געקאַנט פון בערלין אַלס אַ קולטור־מענטש, האָט זיין קומען קיין לאָנדאָן מיך זייער געפרייט, טאַקע פון דאַמאָלס אָן קומט ער מיט זיין פרוי און זיי זענען מיט אונדז עד־היום.

מיר ווינטשן אים אַ גוט געזונט און נחת און ברכות ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר צוזאַמען מיט זיין ליבע פרוי.

דערנאָך האָט א. נ. שטענצל פאָרגעלייענט אַ באַגריסונג פון דער שרייבערין, נ. מ. סידאַ, פאַר פריינט אייזיק גאָלדבערג מיט זיין פרוי.

דער רעדאַקטאָר פון „דאָס יידישע פאָלק״ י. אַ. ליסקי, האָט באַגריסט דעם בעל־היובל און גלייכצייטיק אָנגעוויזן אַז פאָרלייענער זענען פאַרבונדן מיט דער ליטעראַטור אַזוי אַרום גיט זיך זיי אַמבעסטן איין אַרויסצוברענגען פון די שריפטן פון אונדזער יידישע ליטעראַטור. און אונדזער פריינט אייזיק גאָלדבערג האָט גוטע רעציטאַטאָרישע פעאיקייטן אויף דעם דאָזיקן געביט.

די פּאָעטין פרוי עלאַ זילבערג, באַגריסנדיק דעם בעל־היובל, האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ פּאָעמע, געווידמעט אייזיק גאָלדבערג און זיין ליבע פרוי.

דער רעציטאַטאָר נעט רובין, אַקטיאָר סעם גאָלדבערג, דוד בערמאַן



סעם לעווי און אַנדערע, האָבן באַגריסט דעם בעל־היובל אייזיק גאָלדבערג. אָנווייזנדיק אויף דעם גרויסןביישטייער פאַר דעם לעבעדיקן יידישן וואָרט, וועלכעס ער האָט זיך געווידמעט זיין גאַנץ לעבן. פאַר אַלעם דעם פאַרדינט ער זיין געהעריקע אָנערקענונג, און מיר ווינטשן אים נאָך אַסך גוטע געזונטע יאָרן, און ווייטער אָנגיין מיט זיין גייסטיקע טעטיקייט, עד מאה ועשרים!

דער זינגער „מאיר באָגדאַנסקי״ האָט נאָך אָנגעוויזן, אַז דער חילוק צווישן אייזיק גאָלדבערג און אים, איז דאָס וואָס אייזיק איז אַ ציוניסט און ער מאיר, אַ בונדיסט. דאָך שטערט עס אים בכלל גאָרנישט זיך קעגנזייטיק צו פילן אַלס חברים, ווייל אייזיק איז אַ טאַלענטירטער און גייסטיקער מענטש, ביי איינלאַדונגען אויף בונד׳שע פייערונגען, פלעגט ער קומען און זיך באַטייליקן אין די פּראָגראַמען. מען מוז אויך צוגעבן אַז אייזיק גאָלדבערג האָט גרויסע פעאיקייטן צו מאַכן דאָס יידישע וואָרט לעבעדיק אויף אַ גאָר פיינעם אַרטיסטישן אופן. די גרויסקייט דערפון באַשטייט אין דעם, וואָס אַ מענטש אַן עמך׳ניק האָט דערגרייכט די שטופע, צו פאַרשענערן דאָס יידישע קולטור־וואָרט וואָס איז געשאַפן פאַר אונדזערטוועגן.

נאָכדעם האָט דער בעל־היובל אָנגעוויזן, אַז די אַלע וועלכע ווידמען זיך לטובת דעם געשריבענעם און לעבעדיק־יידישן וואָרט, איז זייער טעטיקייט באַזונדערס וויכטיק אין דער יעצטיקער צייט, וואָס עס הערשט אַזאַ אַסימילאַטאָרישע אַטמאָספערע אינעם יידישן לעבן בכלל, און האָט אויך גלייכצייטיק פערזענלעך אויסגעדריקט צו אַלעמען זיין דאַנק פאַר דער אָנערקענונג און גוטע ווונטשן:

אויך האָט ער רעציטירט עטלעכע פון זיינע אייגענע לידער אָנהייבנדיק מיט אַ פּאָעמע פון דער יוגענד נאָך פונ׳ם יאָר 1918, און אויך אַ ווידמונג פאַר „לשון און לעבן״, נאָך פונעם יאָר 1948, ביז צו דער לעצטער צייט, אַלעם האָט זייער גוט אויסגענומען ביי דעם פאַרזאַמלטן עולם:

אין אַ געהויבענע שטימונג האָט זיך דער „ליטעראַרישער שבת נאָכמיטאָג״ פאַרענדיקט מיט אַ סעריע טעאַטער און פאָלקס־לידער, געזונגען פונעם אַקטיאָר סעם גאָלדבערג און דעם זינגער מאיר באָגדאַנסקי.

## וויקטאָריאַ - פּאַרק

### — אַן אַלט לאָנדאָנער יידיש ליד —

לאָנדאָן ווערט יעצט שטאַרק געליובט—וויקטאָריאַ־פּאַרק וויקטאָריאַ־פּאַרק,  
ווער וואָלט דאָס געגלויבט אין וויקטאָריאַ־פּאַרק?  
אַ פּראָסטער גאָרטן, אָבער שטאַרק—וויקטאָריאַ־פּאַרק, וויקטאָריאַ־פּאַרק,  
אַ פאַרטער מיט אַ גראָבן קאָרק אין וויקטאָריאַ־פּאַרק, וויקטאָריאַ־פּאַרק.

רעפריין:  
אוי, יעדער איינער רוט אויס די ביינער,

דער פאלט אויף שטיינער — מען פארלירט די ציינער,
מען ליגט און כראפעט — פון די נעזער קאפעט,
מען לויפט פארסאפעט אין וויקטאריא־פארק.

יודקע גייט מיט רייטשל טשאק—וויקטאריא־פארק, וויקטאריא־פארק,
זי איין שיך און ער איין זאק—אין וויקטאריא־פארק, וויקטאריא־פארק,
נחמן בער גייט מיט זיין ווייב—וויקטאריא־פארק, וויקטאריא־פארק,
לאנדסלייט זוכן דארט א דזשאב אין וויקטאריא־פארק.

רעפריין:

דארט גייט חיה איטע, א מויד פון ליטע,
זי איז די דריטע, זי וואוינט אין סיטי,
דער רויטער בעני, די גראבע דזשעני,
די געשטופלטע פעני — אין וויקטאריא־פארק!

מאדאם דזשעקסאן, איינע פון אונזערע אקטיוו־באטייליקטע אין די יידיש־ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס, לייענט אפט פאר פארן עולם קייטי בראונס ווייטשעפלער הומארעסקעס און זינגט אויך אלטע טעאטער־לידער, אין דעם חודש געווארן 88 יונג—ביז הונדערט און צוואנציק יאר! נאך דער באגריסונג צו איר יובל־שמחה האט זי געזונגען צווישן אנדערן דאס ליד „וויקטאריא־פארק", וואס קינד און קייט פלעגן דאס זינגען אין איר מיידלצייט. דאס איז שוין א קימא־לן פון איבער אכציק יאר; דאס מיינט נאך אין פאריקן יארהונדערט.

מיר דרוקן עס אפ לכבוד איר שמחה און אויך לכבוד דעם ווייטשעפלער „פאלקלאר־בוך", וואס איז איצט דערשינען ביי דער אוניווערזיטעט אין ירושלים.

יוסף בן שמעון

## חג מתן תורה

זעקס טעג אין חודש סיון—דעם 4־טן יוני היי יאר—ווערט געפייערט ביי אידן איינע פון די וויכטיקסטע יום־טובים: א יום־טוב מיט א דאפלטן באדייט וואס איז פארבונדן מיטן פראדוקט פונעם באדן ווי אויך מיט דער מענטשלעכער עטיק. דער יום־טוב סימבאליזירט א גשמיות׳דיקער פרייד און א רוחניות׳דיקע דערהויבונג א יום־טוב פון גייסטיקער שפייז און קערפערלעכער דערנערונג!—דער יום־טוב ווערט אנגערופן אונטער פארשידענע נעמען:

**חג השבועות:** — דער יום־טוב פון די זיבן וואכן: פונעם ערשטן טאג פסח, ווערט געציילט 7 וואכן ביז שבועות, ווי מיר לייענען אין דער



תורה: „וספרתם לכם שבע שבועות תמימות" (ויקרא, פרשת אמר) דאס זענען די 49 טעג פון „ספירת העומר", ווען די בני ישראל האבן זיך געהאט געגרייט איבערצונעמען, ביים בארג סיני, די עשרת הדברות.

**חג הקציר:** — דער יום־טוב פון שניט־צייט, וואס איז א דערינערונג פון אמאליקע צייטן ווען די בני ישראל פלעגן באאקערן און פארזייען זייערע פעלדער, און צענויף נעמען, אין שניט־צייט, די געראטענע תבואות: ווייץ, קארן גערשטן, האבער, געטריידע פאר די פיה, און דאס פאלק האט זיך משמח געווען און געפייערט די גליקלעכע געשעעניש אז די מענטשן און די בהמות זענען אויף א גאנץ יאר פארזארגט מיט ברויט און שפייז!

**חג הביכורים:** — דער יום־טוב פון די ערשט־צייטיקע פירות, וואס באווייזן זיך אויף די בוימער, אין ישראל, שבועות־צייט און די אידן פלעגן אין די מאסן, „עולה־רגל" זיין קיין ירושלים, באגלייט אויפן גאנצן מהלך, פון מוזיק, געזענג און טענץ, און יעדער האט מיט זיך געטראגן א קארב פרוכט „ביכורים"—א מתנה פארן בית המקדש. בעת די עולים האבן דערגרייכט די טויערן פון ירושלים, האבן די כהנים זיי באגעגנט מיט דעם טראדיציאנעלן „ברוכים הבאים בשם ה׳". אויך די תושבים פון ירושלים פלעגן זיי אויפנעמען מיט פרייד. און ווען די עולים זענען צוגעקומען צום „בית־המקדש", האבן די לויים זיי אויפגענומען מיט הלולים, זינגענדיק פסוקים פון תהלים, אלס לויים־דאנק צום בורא עולם, פאר די שיינע פירות וואס די בוימער אין ישראל, האבן אנגעהויבן ארויסגעבן! (משנה—ב׳־ד׳: ביכורים ג׳—).

**זמן מתן תורה:** — די צייט ווען מיר האבן באקומען די תורה הקדושה מיט די עשרת הדברות פארנעמט ביי אידן די גרעסטע וויכטיקייט: נאך א מארטירער לעבן פון הונדערטער יארן שקלאפעריי אין מצרים, וואו די בני־ישראל זענען געווען אכזריותדיק אונטערדריקט און פארפאלגט פון פרעה׳ס ברוטאלע הערשער, ווען די אידן האבן ניט געהערט ווי נאר דאס אויפשטיין פון דער בייטש פון זייערע בעסטיאלע פייניקער, אט די בני־ישראל, בעת זיי זענען באפרייט געווארן האבן זיי ניט געזוכט אויפצואטעמען דורך א גשמיות׳דיקן לעבן, דורך א מאטעריעלן הפקר עקזיסטענץ, אזוי ווי די דאמאלסדיקע פעלקער געצנדינער, נאר די בני־ישראל האבן פון סאמע באגינען פון זייער געשיכטע, זיך געשאפן א רוחניותדיקן לעבן אין אנקלאנג מיט די „עשרת־הדברות", און געשטרעבט צו א גייסטיקן לעבן, לויט די געזעצן: „החוקים והמשפטים" פון דער תורה הקדושה וואס לערנט די נאבעלע פרינציפן פון אמת און יושר, פון רחמנות און ליבע, וועלכע זענען די באזיס פון דער ציוויליזאציע!

און בעת דער ערד־קוגל איז נאך געווען באדעקט מיט אנ׳וויסנהייט און אבסקוראנטיזם, ווען אלע אנדערע פעלקער זענען געווען איינגעטונקן אין דעם שמוציקן געצנדינסט, און געהערשט אויף דער וועלט האבן נאר

בארבארישע זיטן, און מענטשן האבן, ווי די חיות, געזוכט פארניכטן איינער דעם אנדערן נאך פון דאן האבן די בני־ישראל שוין פארמאגט אין זייערע הייזער דאס גייסטיקע ליכט פון מאראלישן טעיק, פון גלייכהייט און טאלעראנץ—פון ברודערשאפט און גערעכטיקייט. אט מיט אזא מאראלישן „באגאזש" זענען די בני־ישראל אריינגעטראטן אלס פאלק אין דער וועלט געשיכטע. און געגומען האט דער איד לערנען די אנדערע פעלקער ווי מענטשלעך באהאנדלען א צווייטן, ווי צו לעבן מיט ערלעכע הומאניטא־רישע געפילן: דעם איד איז צוגעשטעלט געווארן די הייליקע מיסיאן צו זיין דער פארשפרייטער פון אלע נאבעלע און מאראלישע פרינציפן, צו זיין דער וועג־ווייזער פון חסד ואמת, פון אחדות און שלום פאר דער גאנצער מענטשהייט.

און ניט קוקנדיק אויף דעם וואס דער איד האט אזויפיל צרות אויס־געליטן, און איז אנ׳ברחמנות פארפאלגט געווארן אויף דער גאנצער וועלט אין אלע צייטן, ווען צענער טויזנטער פון אונזערע ברידער און שוועסטער זענען פארטיליקט געווארן צוליב די תורה הקדושה וואס מיר האבן באַ־קומען, ניט קוקנדיק אויף די אנצעלבארע אידישע קרבנות און מארטירער וועלכע זענען אומגעקומען „על קידוש־השם", דאך האט דער איד זיך קיין־מאל ניט אפגעשטעלט צו פראפאגאנדירן צווישן די אומות־העולם די גרויסע לערע פון די עשרת־הדברות, און וועט אייך ווייטער פארזעצן די הייליקע אויפגאבע צו פארשפרייטן אויף דער וועלט דעם נאבעלן מענטש־לעכן פרינציפ: „ואהבת לרעך כמוך!—אט דער אנשעצבארער אידעאל וואס אונז די בני־ישראל, איז איבערגעגעבן געווארן צוזאמען מיט דער תורה הקדושה!

און דערפאר פייערן מיר, אידן, מיט גרויס אינטוזיאזם און פריד דעם ליבן יום־טוב שבועות, זמן מתן תורתנו!

ראדזשער הארים

## שאכער־מאכער

נו, וואס זעסטו אין שטעטל, מיין ליבער?

געזעען אונזער וועש אין ליילעך
פליען היינט מיט טויבן־פליגל,
דורך דינגעניש פון ווייבער, גריילעך,
צו שלאפן אונטער חרפות־ריגל.

וואס נאך זעסטו אין שטעטל, מיין ליבער?



א קנאה ביי שכנים אין אויגן,
אזש אנטרינען מיר זיך געוואלט,
ביכער פארשאכערט און דרוק־בויגן
צו איינעם, טאקע עפעס א יאלד.

וואס נאך זעסטו אין שטעטל, מיין ליבער?

געזעען איינעמס געשייערטע הענט
ווי געשמייכלט ר׳האט פון שלאכטהויז,
און געהערט חזיר עכא פון וועגט
ביז שטיל געווארן ווי די מויז.

וואס נאך זעסטו אין שטעטל, מיין ליבער?

איבערזעצט פון ענגליש

עלא זילבערג

## — צו אייזיק גאלדבערג׳ס געבורטסטאג —

(געווידמעט פאר די ליבע פריינט אייזיק און פרוי צביה)

צוזאמען אין פריידן,
צוזאמען אין נויט,
מיט ליבע געטיילט זיך
דאס שטיקעלע ברויט.

ווער קאן אפשאצן,
אזא ליבע געטריי,
בעסער פון אוצרות,

אלץ וואס איז אונזערס, קאן איך זאגן,
האט מען אין שאכער גענומען,
איך — אין די יארן — אלט, א זקן,
טראג ארום בלויז ווילדע בלומען.

דערעק ריד

## ריינע . . די מעשה הויבט זיך אן . .

קומט מיט מיר איצט

און במחשבה וועל איך אייך פירן
אראפ אין קעלער
וואו אלץ האט זיך אנגעפאנגען;
דא האט דער זיידע מיט לעדער געארבעט
און יינגעלעך קליינע בשעת מעשה האבן אים איבערוואכט.
דא ליגט דער שליסל צו מעשיות פארמירטע מיינע,
צו פנימער, לעגענדעס, צו ווערק פון מיין געמיט,
ער וועמען ליכט אינם פענסטער האט געפאנגען
וואס האט מיר געשאנקען צייט און סך־הכלען וואס הייסן מיין.

געזעסן בין איך אים צופוסנס
בשעת יונגערער ברודער מיינער
איז אים געזעסן אויף קני אין חשכה פון מקום
הערנדיק מעשיות און געזאנגען פון ווייטשעפל,
פון העלדן אין „אלטן לאנד“ און יידישע תרעומות;
נאר דרויסן אין זאאל געקלאפט האט א זייגער
אנמערקנדיק א צייט לחלוטין א קורצע
און פאלגנדיקע שטילקייט האט אונז נישט גערירט
געשטאנען מיר זענען ווי שיך אויף זיין פאליצע.

געפוצט און געגרייט
און א לעבן אפצונוצן
ר׳האט אונז געשאנקען די שטערן מיר טראגן אין די אויגן
ר׳האט געגעבן דעם רצון און פען פארטצוזעצן
צו פארשרייבן די מעשיות און פארווייסן די שקרים;
און איצט אז דורך מחשבות אראפ אינם קעלער איך קוק
פארכישופט פון ליכט דעמאלט נישט דערבליקט
זיצט זיידע ביי ארבעט מיט באבע ביי דער זייט
ער זינגט זייער ליד און כ׳גיי מיר צוריק.

געווען איז יעדן מיטוואך א טארג
געווען שיך־האנדל און זעלנער
צוקערלעך און שאך אויף באדן פון פאבריק
רעדעס פון לייט וואס כ׳קען נישט געדענקען
און ריינע! דער ריח פון אן אלטן סאמאוואר:
גוט אט די טעג געווען איידער צייט האט מיך דעריאגט
דער זמן ווען כ׳האב דערלערנט וואס מ׳לערנט אין קיין שום שולע,
דא אין לאטוטניקס הויף פונם מכשף
האב איך דערלערנט וועגן מענטשן — — פון איינעם וואס האט



אייך געקענט לערנען בקבלה!

קומט מיט מיר איצט
און במחשבה וועל איך אייך פירן
אראפ צום קעלער
וואו ס׳האט זיך אנגעפאנגען;
הגם ריינע דער עבר איז וואס איר מאכט דערפון,
קוקט דורך מיינע אויגן און איר דארפט נישט מיין האנט.
איבערזעצט פון ענגליש

## באגריסונג צו דער יידיש־קאנפערענץ אין ירושלים

די רעדאקציע „לשון און לעבן“ באגריסט די יידיש־קאנפערענץ, וואס קומט פאר אין ירושלים דעם קומענדיקן חודש, אז זי זאל דערגרייכן לטובת יידיש דאס העכסטע — „אויב נישט נאך העכער!“

די טויזנט־יאריקע שאפונג, די יידישלעכע אייגנארטיקייט און המצאה־דיקייט פון דער שפראך, די וויציקייט פון איר פאלקלאר און זיסע תמימות־דיקייט פון די פאלקסלידער, און ערשט די וואונדערלעכע שעפערישקייט פון אונזער מאדערנער ליטעראטור פון די ערשטע טעג פון אונזערע קלאסיקער ביז צו די היינטיקע שרייבער אין אלע קבוצים איבערן ערד־קיילער, וואס מיר האבן געשאפן אין די לעצטע 1000 יאר.

אונזער מאמע־לשון און אונזער שעפערישע ליטעראטור זיינען, מסתם, דאס ניסימדיק־געניאלסטע, וואס אונזער פאלק האט פון זיך ארויסגעגעבן זינט די טעג פונם תנ״ך. מיט כתבי־הקודש האבן מיר אויפגענומען דאס עטישע זוכן פונם מענטש אין די ימי־קדם מיט הימלישע בילדער — מיט מלאכים־רייד — מיט לשון־הקודש, מיט עברית. מיט יידיש האבן מיר עסטעטיש זיך באמיט אויפצונעמען די טויזנט יאר אייראפעאיש לעבן. און געטון עס ווייטער ווו מיר זיינען געקומען: אין אמעריקע, אין אפריקע אין אסטראליע — ביזן היינטיקן טאג.

און וואס פאר א וואונדער האט אונזער ליטעראטור באוויזן אין די לעצטע צענדליקער יאר אין אמעריקע און אפילו איצט אין מדינת־ישראל.

אונזער תפילה איז, אז הינטער פאליטישע און פארטייאישע קוליסן זאל עס נישט ווערן קיין שפיל פארן שטן. „די קולטור־פאליטישע ידיעה איצט מכוח לאדינא און יידיש, איז עס נישט ממצרים ועד הנה ושם נאמר?“. . .

יא, מיר האפן צו הערן, אז יידיש אין אונזער יידישער מדינה איז נישט מער קיין לשון לועזית — א גרויל גייט איבערן לייב ווען ס׳אסאציאירט זיך מיטן „הלל־“פסוק: „מעם לועז“.

יא מיר זיינען איין גלות־פאלק — „גיין גלות־לידן“ איז א גרויסער ענין! — אויפגעגאנגען צו גאולה און אויפן שלימותדיקן שלום פאר

ישראל און פאר דער גאנצער וועלט — צי וואלט מדינת-ישראל אן דער יידישער ליטעראטור, פרעסע, לעבעדיקן ווארט אנטשטאנען? און אינם מאמעדיקן פון אונזער לשון וועט זי ווייטער וואקסן און זשוואווע זיך אנטוויקלען.

„פונעם שטעטל" ארויס, „ארום וואקזאל" ווייטער מיטנעמענדיק „די פוילישע וועלדער" איז „רבי עקיבא" געקומען אל הנחלה ואל המנוחה.

מיטן בלויזן „בדמיך חיי"—בדמיך תרתי משמע . . .—אליין, אן דער מאמעס ציטער איבער דער וויג, וואלטן מיר העץ אויפגעוואקסן?

מיט גאלדפאדענען פרוגן, יהואשן איז די „בת-ציון" געווען אין יעדער יידישער שטוב, און מיט ראזענפעלדן, רייזינען, האפשטיינען, ראנגלען זיך יידישע פאעטן מיט גאולת-ישראל און מיט דער גאולה פונם מין מענטש בכל מקום שהם.

מאמע יידיש האט אונז געגעבן כוחות אויסצוהאלטן אין גלות און ווארעם איינגעוויגט אונזער בענקעניש צו אונזער היים אין ארץ-ישראל. מיט א מאמע-לשון ווערט א פאטער-לאנד הארציקער און די עליה ווערט זיך מערן און יורדים ווייניקער ווערן — די „אלט-נייע" היים וועט יידיש-לעך-היימישער" ווערן! מאמעדיק-הארציקער — אמן, כן יהא רצון.

יידישער וועלט-קאנגרעס (יידישער קאמיטעט) און פאריין
פון יידישע זשורנאליסטי

---

**ת מ ו ז - י א ר צ י י ט ן**

**הערצל - ביאליק - זשאבאטינסקי**

אין

**21, DEAN STREET, LONDON, W.1**

**זונטיק, דעם 8-טן אויגוסט, 1976, פונקט 3 א זייגער**

רעדנער:

1) **ח. נ. ביאליק** ........................ **ש. גאלדשמידט**

2) **טעאדאר הערצל** **נחום סנה**

3) **וולאדימיר זשאבאטינסקי** **ח. מיכעלזאן**

**הרב ל. נ. בוים** (אזכרה)

פארזיצער: **יוסף פרענקעל**

---

איינטריט פריי    קומט אין צייט

# לשון און לעבן

**חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור**


לאנדאן    1976 .אויג.-אקט    37'סטער יארגאנג    52-450


א י נ ה א ל ט


עיר-דוד, די ווארשעווער הייזער א.א. .......... *** 3
איבער ישהריה'ס בוך „ווארט אין ווארט אויס". פראפעסאר סאל ליפצין 14
די נאכט אין כנען (ליד) .......... יעקב צבי שארגל 15
דוד לין (פאעמע) .......... אברהם פנחס צוקערט 17
פון משפחה בוך (פראזע) .......... פייזול זיגלבוים 18
מיט קומען פון טאג (א מעשה) .......... ש. י. עגנון 19
מיין שטעטעלע, פאר מיין ברודער (לידער) .......... עלא זילבערג 27
בראש השנה יכתבון (ליד) .......... הערי פאצאנאווסקי 28
די באדייטונג פון ראש-השנה, די פיר שותפים. .......... יוסף וויינשטיין 29
די ערשטע נאכט אין ווייטשעפל, ט' טפחים טיף א. נ. שטענצל .......... 33
דיין יחזקאל אבראמסקי זצ"ל .......... ש. 42
מאיר גערטנער ז"ל .......... שמואל גאלדשמידט 43
מילי טשיזיק ע"ה .......... הארי אריעל 44
נישטא קיין שטארבן (ליד) .......... מלך ראוויטש 44
יידן משיח קומט (א חלום) .......... מ. מארגנשטערן 45
צו אייזיק גאלדבערגס געבורטסטאג (ליד) .......... עלא זילבערג 48
מיין ווייבל (ליד) .......... אייזיק גאלדבערג 49
איבער יעקב י. מייטליס בוך „אין גאנג פון דורות" (רעצענזיע)
.......... י. מ. לעווין 50
א סעמינאר פאר יידיש-פארשונג. .......... א באריכט-ערשטאטער 51
א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס .......... ש. 52
דעקלאראציע פון וועלט-קאנפערענץ פאר יידיש .......... 55
שאכער מאכער, (ליד) .......... ראדזשער האריס 57
גאט אין זיין הערבארמונג, מוזיק מאיר באגדאנסקי שעקסט א.ב.ש. 58
לאנדאנער קולטור ידיעות .......... 59
ווילנע (האלץ-שניט) .......... ראיא קרוק 60



רעדאגירט א. נ. שטענצל
פרייז 15 פענס
יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראוו, א.1.

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*